גליון
# באור החיים

פרשת כי תבוא - תשפ"ה לפ"ק | גליון תתמ"ח

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה"ר **אלימלך** בר"א **קרויס** הי"ו (קרית יואל)
לרגל שמחת **אירוסי בתו** למזל טוב
עב"ג החתן **נתן דוד** ני"ו בן מוה"ר **לוי יצחק פעדער** הי"ו
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **משולם איסר** (ברה"ל) **קרויס** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הכנסת בנו הב' יוסף שמואל ני"ו לעוהתו"מ למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### בעת הגאולה יהיה שמחה שלימה

**והיה כי תבוא אל הארץ.**

אפשר לפרש הטעם למה נסמכה פרשת והיה כי תבוא אל פרשת מחיית עמלק, דפרשת כי תבוא רומז על הגאולה שלימה, ולכן התחיל בתיבת "והיה", כי בחורבן בית המקדש בטלה כח השמחה, כמו שכתוב (ישעי' כד יא) ערבה כל שמחה גלה משוש הארץ, ועד עת תיקון השלם לא שייך ענין שמחה בשלימות, וכמו שאמר הכתוב (תהלים קלז ו) אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי, שבכל שמחה צריכין להזכיר ענין חורבן ירושלים, ורק בעת התיקון השלם תהיה השמחה בשלימות, כמו שכתוב (שם קכו ב) אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה.

וזהו "והיה", אין והיה אלא לשון שמחה, שתהא שמחה שלימה, "כי תבוא", כאשר תהיה יחוד השלם, שהוא ענין ביאה ונישואין אל הארץ, עם כנסת ישראל הנקראת בשם ארץ, שהיא בחינת מלכות, "אשר ה' אלקיך נותן לך", היינו שאז תתעלה בחינת ארץ בחינת מלכות, ותתייחד עם ה' אלקיך, כי השכינה תתייחד עם קוב"ה ביחודא שלים.

ומטעם זה נסמכו פרשיות הללו, פרשת והיה כי תבוא אל פרשת מחיית עמלק, כי אמרו חז"ל (תנחומא פרשת תצא) אין השם שלם ואין הכסא שלם עד שימחה זרעו של עמלק, לכן מיד אחר מצות מחיית עמלק, נאמר כי תבוא אל הארץ, כי כאשר ימחה שמו של עמלק, תהיה עת היחוד השלם, עת ביאה ונשואין, ויהיה שמו של הקב"ה שלם והכסא שלם, בעת הגאולה במהרה בימינו.

(עבודת עבודה פתג"ק תבוא)

### אין התורה נקנית אלא בחבורה

**הסכת ושמע ישראל היום.**

אמרו חז"ל (ברכות סג:) הסכת ושמע ישראל היום, עשו כתות כתות ועסקו בתורה.

ואפשר לרמז בזה, דהנה לימוד התורה ועסק התורה, צריך להיות בבית המדרש במקום רבים, או להקשיב לשיעורים הנלמדים ברבים, לפי שאין התורה ניקנית אלא בחבורה, כדאיתא בגמרא (ברכות ס"ג ע"ב) דאמר רבי יוסי ברבי חנינא מאי דכתיב (ירמי' נ' ל"ו) חרב אל הבדים ונואלו, חרב על שונאיהם של תלמידי חכמים שיושבים בד בבד ועוסקים בתורה, ולא עוד אלא שמתטפשים, ולא עוד אלא שחוטאים, והכוונה בזה, כי כאשר האדם עוסק בתורה לבדו, מעיינין ומדקדקין עמו, אם הוא לומד בכוונה הראוי', ואם לא נמצא חטא וחסרון בלימודו, ואם הוא ראוי שתורתו תעלה לרצון לפניו יתברך, וכיון שאין לו כח הרבים שיגין עליו, מענישין אותו על חטאיו ח"ו, וזהו חרב אל הבדים, מה שאין כן אם הוא לומד התורה ברבים, אז אין שטן ואין פגע רע יכול לשלוט עליו, ולכן אין התורה נקנית אלא בחבורה.

(עבודת עבודה דב"ק כי תשא)

# שביבי אש

קודצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**באין מליץ יושר, דאס אז א מענטש האלט זיך פאר גארנישט, דאס איז א מליץ יושר.**

(שיח"ק ח"ב ויל"ך)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **דוד יעקב ווײנבערגער** הי"ו (לעיקוואד)
בן הרב החסיד ר' מאיר הי"ו - לרגל שמחת אירוסי בנו החתן יוחנן נ"י למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## אויב פלאגט מען זיך אויף די תורה הק', דארף מען זיך נישט פלאגן פאר פרנסה

**ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך.**

שטייט אין מדרש ברוך אתה בבואך בפרקמטיא שלך, וברוך אתה בצאתך בפרקמטיא שלך, ודוד מפרשה ה' ישמור צאתך ובואך, ע"כ.

די פשט אין מדרש איז אזוי, די ענין פון יציאה און ביאה איז געזאגט געווארן, אויף די עסק פון משא ומתן, אזוי ווי דער פסוק זאגט (דברים ל"ג ח') שמח זבולן בצאתך וואס דאס מיינט ביים ארויסגיין צו די געשעפטן, און אזוי ווי דער פסוק זאגט (תהלים ק"ד כ"ג) יצא אדם לפעלו ולעבודתו עדי ערב.

דארף מען לויט דעם פארשטיין, פארוואס זאגט דער פסוק ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך, עס וואלט געדארפט שטיין קודם ברוך אתה בצאתך און נאכדעם וברוך אתה בבואך, ווייל קודם גייט מען ארויס צו דער ארבעט און נאכדעם קומט מען אהיים, אזוי ווי דער לשון הפסוק (תהלים קכ"א ח') ה' ישמור צאתך ובואך'.

נאר מ'קען זיין לויט ווי עס מבאר זיין איז ידוע, אז ווען נישט די חטא אדם הראשון, וואלט די פרנסה געקומען אן קיין יגיעה און קיין השתדלות, און אזוי ווי דער אייבערשטער שיקט עסן פאר די בהמות חיות און עופי השמים, אזוי וואלט געווען אויך ביי די מענטשן, אזוי ווי חז"ל זאגן אז פאר די חטא האבן די מלאכים געברענגט פאר אדם הראשון צו עסן אין גן עדן, און וויבאלד אדם הראשון האט געזינדיגט און אריינגעברענגט א זוהמא אין אלע זיינע קינדער, האט דער אייבערשטער גוזר געווען אז בזיעת אפיך תאכל לחם, כדי אז דורך די יגיעה זאל ער נזדכך ווערן פון די זוהמת החטא, אבער די כוונה איז נישט אז דורך די יגיעה באקומט ער די פרנסה, ווייל נאך די חטא איז נישט נשתנה געווארן די טבע הבריאה, אז דער אייבערשטער איז ממציא טרף פאר אלע נבראים, נאר דער אייבערשטער האט גוזר געווען אז דער מענטש דארף זיך פלאגן אויף דעם, כדי אז דורך דעם זאל ער נזדכך ווערן פונעם חטא.

און דאס איז פשט אינעם מדרש, ברוך אתה בבואך, בפרקמטיא שלך, ברוך אתה בצאתך בפרקמטיא שלך, דאס מיינט, אז ווען דו קומסט פון די געשעפט, און די ברכה ליגט שוין אין דיינע הענט, דארפסטו וויסן אז ברוך אתה בצאתך, אז די ברכה איז שוין געווען אנגעגרייט פאר דיר נאך פאר דו ביסט ארויסגעגאנגען צו די געשעפט, און נישט די ארויסגיין צו די געשעפטן האט דיר געברענגט די ברכה, נאר דאס ארויסגיין צו די געשעפטן איז א גזירה פונעם אייבערשטן, כדי צו נזדכך ווערן פונעם חטא.

און וויבאלד עס איז אזוי, איז אויב א מענטש איז זוכה נזדכך צו ווערן פון די זוהמא דורך אן אנדערע אופן, וואס דאס איז דורכ'ן עוסק זיין בתורה, ליגט שוין נישט אויף אים די חיוב פון עוסק זיין במשא ומתן, אזוי ווי חז"ל זאגן תורה מתשת כחו של "אדם", איז פשט אז די עסק התורה מאכט שוואך די כח הזוהמא וואס קומט פון די חטא אדם הראשון.

און אויף דעם זאגט דער פסוק ווייטער, "יצו ה' אתך את הברכה באסמיך ובכל משלח ידיך", יצו איז א לשון פון צוותא חדא, און דאס איז פשט יצו ה' אתך, דאס מיינט ווען דער אייבערשטער וועט זיין דבוק מיט דיר, ווייל דו וועסט זיין דבוק אינעם אייבערשטן און אין די תורה, דעמאלטס וועט זיין את הברכה באסמיך, וועט דיר קומען די ברכה אין דיינע אוצרות, אן קיין שום פעולה, און אויב נישט וועט זיין במשלח ידך, דורכ'ן עוסק זיין במשא ומתן.

(עבו"ע פתג"ק)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצואגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### ארמי אובד אבי.

עס ווערט געברענגט אז עס איז דא א יצר הרע וואס הייסט "לבן הארמי", און זיין פליכט איז איינצורעדן דעם מענטש אז דער אייבערשטער איז ח"ו נישט זיין טאטע, און אז א איד איז נישט קיין בן מלך, מיטן ציל אויסצורייסן פון אידישע קינדער דעם געדאנק אז זיי זענען בנים למקום.

דאס קען זיין פשט אין פסוק "ארמי אובד", ער וויל מאכן פארלירן, "אבי" אז דער אייבערשטער איז מיין פאטער. און מיט דעם קען מען אויך פארשטיין דאס וואס דער בעל הגדה איז מסביר "ולבן ביקש לעקור את הכל", ווייל מיט דעם וואס ער רעדט איין קעגן די אמונה, ווערט אלעס ח"ו פארלירן.

(נתיבות שלום)

### ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך ה' אלוקיך.

ווען קען זיין אז "ושמחת בכל הטוב" דאס איז ווען מען ווייסט אז "אשר נתן לך ה' אלקיך', אלעס קומט פון אייבערשטן דעמאלטס ניצט ער דאס געלט ריכטיג, און דאן קען ער זיך ריכטיג פרייען מיט די געלט.

(הרה"ק ר' משה לייב מסאסוב זי"ע)

### ושמרת ועשית, בת קול מברכתו הבאת ביכורים היום תשנה לשנה הבאה (רש"י).

מען קען דא מרמז זיין א שיינע רמז, אז די סיבה פארוואס פאר די עשירים האט מען צוריקגעגעבן די גאלדענע קערב און וועלכן זיי האבן געברענגט די ביכורים, און פאר די ארעמעלייט האט מען נישט צוריקגעגעבן די שטרויענע קערב ווי די משנה זאגט, וויבאלד מ'האט זיי געוואלט מרמז זיין אז די עשירים זאלן די קומענדיגע יאר צוריק קומען מיט די עשירות, און די ארעמעלייט זאלן נישט צוריקקומען מיט די זעלבע ארעמקייט.

(הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע)

### ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגוך.

עס קען אסאך מאל אויסקומען אז פאר פרנסה איז מען געצווינגען אוועקצופארן פון איין פלאץ צום צווייטן, וואונטשט אן דער פסוק, "ובאו עליך כל הברכות", וועסט טאקע האבן השפעות, אבער "והשיגוך", דו וועסט נישט דארפן ארומפארן צו באקומען די אלע ברכות וואס די תורה איז מבטיח, נאר די אלע ברכות וועלן דיך אנקומען אין שטוב.

(כתב סופר)

### ברוך פרי בטנך ופרי אדמתך.

צום ערשט שטייט א ברכה פאר גוטע קינדער, און דערנאך שטייט א ברכה פאר עשירות, ווייל מיט עשירות איז שווער צו האבן גוטע קינדער, דעריבער שרייבט די תורה ערשט א ברכה אויף גוטע קינדער, און דערנאך אויף עשירות.

(חתם סופר)

### הגר אשר בקרבך יעלה עליך מעלה מעלה.

גר איז א רמז אויפ'ן יצר טוב, וואס איז ווי א גר וואס קומט צו א מענטש ביי די 13 יאר, ווען דער יצר הרע איז שוין אזוי ווי א תושב. דאס איז א ברכה פאר די אידישע קינדער, אז דער גר, דער יצר טוב, וועט איבערשטייגן דעם יצר הרע.

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"צ יצחק אייזיק אלכסנדר ליפא סג"ל שליט"א
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א מעשה אויף די פרשה

### ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם

ווען הגאון ר' מאיר שפירא איז געווען באזוכן ביים הייליגן חפץ חיים ז"ל, האט ער אים מפציר געווען צו זאגן א דבר תורה, אבער דער גאסט האט ענדערש געוואלט אז דער זקן הרבנים דער חפץ חיים זאל זאגן א דבר תורה. דער חפץ חיים האט זיך אבער אנטזאגט, און מסביר געווען אז ער האט נישט קיין כח דערצו, האט דער גאון אנגעוויזן אז רש"י זאגט אויפ'ן פסוק "אל הכהן אשר יהי' בימים ההם", אין לך כהן שבימיך "כמו שהוא", דאס מיינט אין וועלכע צושטאנד ער געפינט זיך נאר. דער חפץ חיים האט זיך צושמייכעלט, און מסכים געווען צו זאגן א דבר תורה.

*

### ונתת ללוי לגר ליתום ואכלו בשעריך ושבעו.

די עלטערן פון הרה"ק ר' משה מקאברין זצ"ל האבן געוואוינט אין א שטעטל וואו דאס

איחוד תלמידי וחסידי טאהש
באהלי צדיקים
קול רנה וישועה
בהדרת קודש ויראה עילאה, ברשפי אהבה החקוקים על לוח לבינו, קול מברכים נרימה, בברכת כל ברכאן דלעילא ותתא ומזלא טבא, אל מול פני הקודש, אבינו רועינו, מחמד נפשינו, נזר תפארתינו
כבוד קדושת מרן רבינו עטרת תפארת ראשינו שליט"א
לרגל השמחה השרוי' במעונו הקודש
בהולדת נכדתו
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת


אצל בנו הרה"צ רבי יצחק אייזיק אלכסנדר ליפא סג"ל שליט"א
ר"מ בישיבתינו הקדושה תפארת משולם פייש - ניו יארק
חתן הגה"צ גאב"ד שער התפלה שליט"א
בן כ"ק אדמו"ר מ'טשערנאוויץ שליט"א - וחתן כ"ק אדמו"ר מ'מעליץ שליט"א
תיערב ברכותינו הדיוטות, שמשמחת בית צדיקים זו יושפע שפע רב והשפעות ממקור הקדושה, במדה גדושה, וימים על ימי מלך תוסיף שנותיו, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, נחת והרחבת הדעת מיוצאי חלציו פרי קודש הילולים, זרע ברך ה', ועוד רבות בשנים דשנים ורעננים, לנהלנו ולהדריכנו על דרך הקודש, ולהשפיע לנו ממקור מים חיים, להתהלך לפני אלקים באו"ר החיי"ם, עדי נזכה שיוליכנו לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
גליון באור החיים - להתאחד בחורי אנ"ש - קול איחוד טאהש -
חברה ש"ס - מתאחדת בלעטל - טעלעפאן ביכל - פרנסה ביחד
בשם כל הקהל הקודש

ארעמקייט איז געווען אויף גאר א שטארקע פארנעם, דעריבער האבן זיי זיך אונטערגענומען צו שפייזן די ארעמלייט, און מיט די אייגענע הענט און קאסטן האבן זיי געבאקן ברויט. אבער אזוי ווי די געברויך איז געווען גרויס, האבן זיי נישט נאכגעיאגט די ארבעט, און די ארעמלייט פלעגן זיך זייער בייזערן, און פלעגן אויך קענען שעלטן, וואס דאס האט צוגעברענגט אז זיי זאלן אנהויבן קלערן פון אויפהערן אהערשטעלן די ברויטלעך

ווען זיי האבן זיך אפגערעדט פאר זייער הייליגע זוהן, האט ער זיי בארואיגט, אז נאר אזוי איז די מצוה חשוב, ווען זיי זאלן ווען נאר באקומען גוטע און הארציגע ברכות פארן אהערשטעלן די ברויטלעך, וואלט דאס נישט געווען אזוי אנגענומען ווי ווען מ'זעהט ווי שווער עס קומט אן.

*

## לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי.

ווען דער צדיק הרה"ק ר' מיכל'ע מזלאטשוב זצ"ל איז שטארק קראנק געווארן, און עס האט שוין אויסגעזעהן ווי זיין צייט איז אנגעקומען, האט זיך זיין תלמיד הרה"ק רבי ארון לייב מפרעמישלאן זי"ע צוגעבויגן אין געזאגט, רבי, מדארף זאגן וידוי. גלייך האט דער צדיק אנגעהויבן זאגן "איך בין זיך מודה ומתוודה, איך האב קיינמאל נישט געטאן וואס מ'טאר נישט, קיינמאל נישט געטראכט וואס מ'מעג נישט, און קיינמאל נישט גערעדט דברים האסורים", "גענוג" האט ר' ארון לייב אויסגעשריגן.

יארן שפעטער ווען ר' מאטל סלאנימער ז"ל האט דערציילט די מעשה, האט ער צוגלייגט, אז מ'זעהט טאקע אין די תורה אז אפילו וואו מ'דערקלערט זיך ריין פון זינד, ווערט אנגערופן ווידוי. ווי מ'זעהט אז אין די פרשה פון ביכורים האט מען אויסגערעכנט, לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי, און דאך ווערט עס אנגערופן ווידוי.

*

## ארור מכה רעהו בסתר, על לשון הרע הוא אומר (רש"י).

עס ווערט דערציילט אז דער גרויסער צדיק וקדוש דער יוד הקדוש פון פשיסחא זצ"ל האט אמאל געשיקט זיין באליבטן תלמיד ר"ר בונם פון פשיסחא זצ"ל ער זאל ארויספארן אויפ'ן וועג. ר"ר בונם האט שוין געוואוסט אז מ'פרעגט נישט איבער דעם רבי'ן, מ'פארט ארויס און מ'וועט שוין אנקומען ווי מ'דארף.

דער צדיק מיט א גרופע פון זיינע תלמידים האבן זיך געלאזט אין וועג אריין, אזוי איז מען געפארן לאנגע שעה'ן, צוביסלעך איז מען געווארן אביסל אומרואיג, וואו פארט מען דא אן א ענדגילטיגער ציל? אבער ר' בונם איז געווען רואיג, וויסענדיג אז זיין גרויסער רבי הייסט נישט אומזינסט פארן

פלוצלונג האבן זיי באגעגענט א קליין הייזקע, דער בעל עגלה האט פארקירעוועט דעם וואגן צום ריכטונג פונעם הויז. גלייך זענען אלע תלמידים מיט זייער רבי'ן אריין. די תלמידים האבן געפרעגט דעם בעל אכנסיא צי ער קען זיי דערלאנגען א מילכיגע סעודה? ניין, זאגט דער בעל אכסניא, איך פארמאג בלויז פליישיגס.

די תלמידים האבן אים אנגעהויבן אויסצופרעגן ווער ס'איז דער שוחט? ווער האט באקוקט די בהמה נאכ'ן שחט'ן, און אזוי ווייטער, ווען פלוצלונג הערן זיי א קול וואס רופט אויס צו זיי "חסידים, חסידים", זיי קוקן זיך ארום, פון וואו דאס קול קומט? ווען זיי באמערקן ווי אונטערן אויבן ליגט אן אלטער איד, צוריסן געקליידעט, און זאגט זיי מוסר, "טייערע אידן, אויף דעם וואס איר נעמט אריין אין מויל געט איר אזוי שטארק אכטונג, און דאס וואס איר זאגט ארויס פון מויל גיט איר גארנישט אכטונג".

ווען דער ר"ר בונם האט דערהערט די מוסר רייד, איז ער זייער נתפעל געווארן דערפון, זאגענדיג, "יעצט איז מיר שוין קלאר דער סיבה פארוואס דער רבי האט אונז אהערגעשיקט"....

*

## הקללות האלה.

דער הייליגער תפארת שלמה האט געהאט אן אינטערעסאנטער וועג וויאזוי ער פלעגט אנוואונטשן ברכות פאר זיינע חסידים, דהיינו ער פלעגט זאגן פארשידענע קללות וועלכע האבן צום ערשט געצויגן בליקן פון די חסידים וואס דער רבי מיינט דערמיט, אבער צום סוף האבן די חסידים שוין געוואוסט אז דער וואס באקומט א קללה פונעם תפארת שלמה, דער איז א געהאלפענער

איינמאל איז געקומען א חסיד אפגעבן א דאנק פארן תפארת שלמה פאר די ישועה וואס דער רבי האט געפראוועט פאר אים דורך טאקע אזא סארט "קללה". זעהנדיג ווי דער רבי איז גוט אויפגעלייגט, האט ער גענומען די מוט, און געפרעגט דעם רבי'ן אויף די פשט פארוואס דער רבי טיילט "ברכות" דורך "קללות". האט אים דער תפארת שלמה פארשטיין געגעבן, זאגענדיג, אויך מיין רבי, הרה"ק ר"ר מאיר'ל מאפטא זצ"ל דער אור לשמים, האט געהאט דעם וועג, און האט אמאל מסביר געווען אז א רבי קען העלפן זיין חסיד מיט צוויי וועגן. איינס, אז ער נעמט א פדיון פון אים, אדער אז ער שעלט אים, און פון דעם ווערט א ברכה, און מיט דעם האט ער געטייטשט דאס וואס משה רבינו האט געזאגט פארן אייבערשטן "לא חמור אחד מהם נשאתי," כ'האב פון זיי גארנישט קיינמאל גענומען, "ולא הרעותי את אחד מהם", כ'האב קיינעם קיינמאל נישט געשאלטן, דעריבער קען איך גארנישט טון פאר זיי. דערפאר האט דער "תפארת שלמה" אויסגעפירט, פיר איך מיר אויך אויפ'ן זעלבן דרך פון מיין רבי.

(ס'איז אינטערעסאנט צוצולייגן אז אין ספה"ק תפארת שלמה אין די וואכעדיגע פרשה, שטייט, אז דעריבער לייענט מען פרשת כי תבוא בעפאר די סליחות טעג, כדי אויב ס'קומט זיך פאר איינעם ח"ו א קללה, קומט מען אפ מיט דעם וואס מ'לייענט די פרשה, לויט די בחינה פון "ונשלמה פרים שפתינו".)



# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א



המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **אלי' מאיר** (בר"ס) **גאלדבערגער** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


## דער מנהג פון נישט עסן ניס חודש אלול (א)

### א
### שאלה: עס איז א אנגענומען ביי אונז דער מנהג, מקפיד צו זיין נישט צו עסן ניס אין חודש אלול, און אין די הייליגע טעג, ווי איז דער מקור צו דעם מנהג, און וואס איז דער טעם פון די מנהג?

**תשובה:** דער רמ"א שרייבט אין שלחן ערוך, אז עס זענען דא וואס זענען מדקדק נישט צו עסן ניס ראש השנה, און עס זענען דא אסאך טעמים אויף דעם מנהג, מיר וועלן אראפרעגנען די צוויי טעמים וואס דער רמ"א שרייבט (סימן תקפ"ג סעיף ב'):

1] ווייל "אגוז" [ניס] באטרעפט 17 אזויפיל וויפיל "חטא" דאס מיינט זונד, און אזוי ווי ראש השנה איז א צייט פון תשובה, דעריבער איז נישט גלייך, מעורר צו זיין דעם ענין פון חטא אין די טעג.

### דרך אגב

צדיקים פלעגן זאגן אז מען דארף געדענקען אז אויב דארף מען מקפיד זיין נישט צו עסן קיין ניס אין די טעג, ווייל אגוז איז בגימטריא חטא, וויפיל דארף מען אכטונג געבן נישט צו טוהן א חטא ממש.

* עס ווערט דערציילט אז א קאצקער חסיד האט אמאל געזען ווי א איד עסט ניס אין ראש השנה, האט ער באפאלן ברבים אין געזאגט היתכן אז דו נעמסט אריין אין דיין מויל א זאך וואס באטרעפט חטא, ווען דער קאצקער רבי זצ"ל האט דאס געהערט, האט ער געזאגט, זעט אויס אז דער חסיד האט פארגעסן אז חטא אליין איז אודאי בגימטריא "חטא".

* הרה"ק רבי משה אריה פריינד זצ"ל האט דערציילט אז זיין זיידע דער נאסוידער רב זצ"ל האט זיך געפירט נישט צו עסן קיין ניס אין די טעג, איינמאל האט אים א איד געברענגט ניס פאר א מתנה, און כדי נישט צו פארשעמען דעם איד האט ער געגעסן אביסל פון די ניס, און כאטש אגוז איז בגימטריא חטא, אבער צו פארשעמען א איד, איז א חטא ממש (ספר עטרת יהושע זמירות ליום טוב עמוד שנ"ח, אות רכ"ח).

2] נאך א טעם שרייבט דער רמ"א, ווייל דאס עסן ניס, טוט פארמערן שפייעכטץ אין מויל, און דאס קען שטערן דאס דאווענען, אויך איז דאס גורם אז מען זאל היסן, און דאס קען שטערן צו הערן די תקיעת שופר ווי עס דארף צו זיין, און אויך קען דאס שטערן אז מען זאל נישט קענען גוט הערן דעם שליח ציבור (מהרי"ל מנהגים הלכות שופר אות ב', פרמ"ג שם א"א ס"ק ד').

### די חילוק צווישן די צוויי טעמים

די פוסקים שרייבן אז עס זענען דא חילוקים צווישן די צוויי טעמים, ווי פאלגענד:

1] לויטן ערשטן טעם איז די קפידא נאר אז מען זאל נישט עסן ניס, ווייל דאס באטרעפט אזוי ווי "חטא", אבער צוליב די צווייטע טעם איז די קפידא נישט נאר אויף ניס, נאר אויך אויף אלע אנדערע מאכלים וואס זענען גורם שפייעכטץ און היסן.

2] לויט די ערשטע טעם איז די קפידא אויך אין חודש אלול, וואס דעמאלטס הייבן זיך שוין אן די ימי התשובה, און עס איז נישט גלייך צו דערמאנען דעם ענין פון חטא, ווייל עס קען ברענגען א קטרוג, אבער לויטן צווייטן טעם אז עס מאכט שפייעכטץ אין מויל, און עס איז גורם מען זאל היסן, איז דער עיקר קפידא נאר אין ראש השנה, וואס דעמאלטס איז מען מרבה בתפלה, און מען בלאזט שופר.

דער חתם סופר שרייבט דעם טעם, ווייל די גמרא זאגט אז כנסת ישראל איז געגליכן צו א אגוז, אזוי וי עס שטייט אין שיר השירים (<<09(ו' י"א) "אל גנת אגוז", און דער טעם פארוואס די אידן זענען געגליכן צו א אגוז, ווייל פונקט ווי א אגוז ווען עס פאלט אריין אין שמוץ, ווערט נישט די ניס פון אינעווייניג שמוציג, אזוי אויך כלל ישראל כאטש זיי וואלגערן זיך אין גלות צווישן די גויש'ע פעלקער, בלייבן זיי ריין פון אינעווייניג, און וויבאלד דאס איז מרמז אויף די גלות, דעריבער איז דאס נישט קיין גוטע סימן צו דערמאנען ראש השנה (הגהות חת"ס שו"ע סימן תקפ"ג).

### ב
### שאלה: פון ווען, הייבט זיך אן די קפידא פון נישט עסן ניס?

**תשובה:** דער רמ"א ברענגט דעם מנהג אין הלכות ראש השנה, איז משמע פון דעם אז די קפידא פון נישט צו עסן ניס, איז נאר איןביידע טעג פון ראש השנה (קצה המטה סימן תקפ"ג ס"ק י"ט).

אין טייל פלעצער האט מען זיך געפירט מקיל צו זיין צו עסן ניס אינעם צווייטן טאג ראש השנה נאכן דאווענען מוסף, ווייל עס איז שוין נישט שייך מער דער טעם פון שטערן די תפלות און די תקיעות (יוסף אומץ אות תתקע"ז).

אבער ביי אונז איז אנגענומען דער מנהג, נישט צו עסן קיין ניס, פון ראש חודש אלול, און על כל פנים אין די טעג וואס מען זאגט שוין סליחות (כ"מ מהקצה המטה שם, אך פרי תבואה, ליסקא, פרשת ויחי, זמירות דברי יואל אות תקי"ז).

### ג
### שאלה: ביז ווען איז מען מקפיד נישט צו עסן ניס?

**תשובה:** טייל פירן זיך נישט צו עסן ניס גאנץ עשרת ימי תשובה ביז נאך יום כיפור, און זיי ברענגען א ראיה פון די גמרא (שבת דף קט"ו ע"א) וואס שטייט. מפציע'ן

האגוזים ביום כיפור מן המנחה ולמעלה, אז מען מעג שוין עפענען די ניס יום כיפור נאכן זמן פון מנחה אין ווייטער, כדי מען זאל קענען עסן די ניס ביינאכט גלייך נאכן תענית, און אזוי פסק'נט דער מחבר (סימן תרי"א ס"ב), זעט מען פון דעם אז מען מעג עסן ניס נאך יום כיפור.

* הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע האט געזאגט בדרך צחות אויף דעם מנהג אז נאך יום כיפור עסט מען שוין ניס, אז דער טעם פארוואס מען עסט נישט ניס איז ווייל עס איז בגימטריא חטא, און וויבאלד ביי יום כיפור שטייט דאך "ונסלח" לכל עדת ישראל, מעג מען שוין עסן "ניסלעך" (ספר אמרי פנחס השלם, קוריץ אות ת"פ)

ביי אונז איז אנגענומען מקפיד צו זיין נישט צו עסן קיין ניס ביז נאך הושענא רבה (אא"ז בשו"ת בית היוצר סוף סימן מ"ג), און טייל פירן זיך ביז שמיני עצרת (זמירות דברי יואל אות תקי"ז).

יעדער דארף זיך פירן כפי מנהג אבותיו ורבותיו, און מען טאר נישט משנה זיין.

### ד

### שאלה: עס זענען דא וואס פירן זיך אז אין הושענא רבה, טייל פירן אין שמחת תורה, עסט מען ביי די סעודה ניס, לכאורה איז שווער וויבאלד ניס איז מרמז אויף "חטא", פארוואס זאל מען מעורר זיין דעם ענין פון חטא הושענה רבה, אדער שמחת תורה?

**תשובה:** די גמרא זאגט, אז אויב מען טוהט תשובה מיראה, זדונות נעשים לו כשגגות, ווערן גערעכנט די עבירות וואס מען האט געטוהן במזיד, אזוי ווי א שוגג, און אויב מען טוהט תשובה מאהבה, ווערן גערעכנט די עבירות וואס מען האט געטוהן במזיד, אזוי ווי זכיות, דאס מיינט אז אלע עבירות ווערן גערעכנט אזוי ווי מצות.

איבערדעם אלול און ראש השנה וואס דעמאלטס טוהט יעדער תשובה מיראה, און די זדונות ווערן נאך אלץ גערעכנט פאר שגגות, דעריבער וויל מען נישט מעורר זיין דעם ענין פון עבירות, ווייל עס איז נאך אלץ א חטא. אבער הושענה רבה, און שמחת תורה וואס דעמאלטס איז דער חתימה פון תשובה מאהבה, דעריבער ווערן אלע עבירות גערעכנט פאר זכיות, איבערדעם עסט מען דירעקט ניס, כדי מעורר צו זיין די אלע חטאים וואס מען האט געטוהן און זיי זענען נתהפך געווארן פאר זכיות (כעין מה שפירש הרה"ק מבארדיטשוב זי"ע על המדרש ולקחתם לכם ביום הראשון, ראשון הוא לכם לחשבון עונות).

און מיט דעם קען מען אויך פארשטיין די מנהג וואס שטייט אין שלחן אז פסח ביינאכט ביים סדר, זאל מען טיילן פאר די קינדער ניס, לכאורה ווי קומט עס אז מען זאל טיילן ניס ביים סדר, עס איז דאך מעורר דעם ענין פון "חטא", אבער וויבאלד פסח איז דאך אויך א צייט וואס יעדער טוהט תשובה מאהבה, איז אדרבה מיטן עסן ניס איז מען מעורר דעם ענין פון זדונות נעשים לו כזכיות.

### ה

### שאלה: עס זענען דא אסאך ערליי ניס, ווי וואל-נאט, פילבערט, קעשו-נאט, מאנדלען, פי-נאט, א.ד.ג., אויף וועלכע ניס איז שייך די קפידא נישט צו עסן?

**תשובה:** לויטן טעם פון נישט עסן ניס ווייל אגוז איז בגימטריא חטא, איז די קפידא נאר אויף די גרויסע ניס וואס ווערט אנגערופן וואל-נאט, ווייל די ריכטיגע טייטש פון אגוז איז וואל-נאט, אבער אלע אנדערע ערליי ניס ווי פילבערט, קעשו-נאט א.ד.ג. כאטש מיר רופן דאס אן מיטן נאמען ניס, ווערט דאס נישט אנגערופן "אגוז", דעריבער איז דאס נישט בגימטריא "חטא".

אבער לויטן צווייטן טעם ווייל עס פארמערט שפייעכטץ אין מויל, דאס איז שייך ביי אלע ערליי ניס, דעריבער דארף מען מקפיד זיין אויף אלע ערליי ניס (מג"א ס"ק ד').

## מאנדלען [אלמאנד"ס]

עס איז דא ווער עס שרייבט, אז אויך מאנדלען ווערט אנגערופן אגוז, און מען זאל דאס אויך נישט עסן אום ראש השנה (מקור חיים, להחוות יאיר סימן תקפ"ג ס"ב), אבער די פוסקים נעמען אן אז מאנדלען גייט נישט אריין אין כלל פון אגוז.

* עס ווערט געברענגט אז הרה"ק רבי איציקל פון פשעווארסק זצ"ל, כאטש ער האט מקפיד געווען נישט צו עסן ניס פון ראש השנה ביז שמיני עצרת, אבער מאנדלען האט ער יא געגעסן (זכות אבות, מנהגי רבי איציקל מפשעווארסק, הליכות צדיק אות ע"ו).

### המשך יבוא אי"ה



### ולתתך עליון על כל הגוים אשר עשה לתהלה לשם ולתפארת

די וואכעדיגע פרשה צווישן שלישי און רביעי ווערט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע נאנטשאפט פונעם רבוש"ע צו די אידן, און פון די אידן צום רבוש"ע, און דער אייבערשטער זאגט אונז אז מיר וועלן זיין חשוב'ער פון אלע פעלקער, אז מ'וועט אונז אויסלויבן און זיך בארימען מיט אונזער שיינקייט.

# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

זאגט די בעל הטורים א זייער רמז, אז 'לתהלה לשם', דאס וואס מ'לויבט דעם אייבערשטן, איז 'לתפארת', וועט זיין א שיינקייט פאר'ן מענטש, אזוויי די גמרא זאגט (מס' מגילה דף טו:) אז דער אייבערשטער וועט כביכול זיין א קרוין אויפ'ן קאפ פון יעדע צדיק, איז די בעל הטורים מסביר, אז די קרוין וואס מ'באקרוינט דעם אייבערשטן דורכ'ן דאווענען וועט דער אייבערשטער צוריקגעבן פאר'ן מענטש לעתיד לבא, און די קרוין וועט זיין צו שיין מאכן און באצירן דעם מענטש.

זאגט אבער דער בעל הטורים ציפעדיגע ווערטער, "איינער וואס רעדט ביים דאווענען וועט מען ארומנעמען זיין גאנצע גוף מיט דערנער רח"ל".

דעריבער לאמיר זיך באצייטנס אויפכאפן פונעם קול השופר וואס וועקט אונז און מאנט פון אונז אז מיר דארפן תשובה טון, ביז מיר וועלן זוכה זיין אז אונז וועלן ווערן געשאנקען מיט א קרוין דורך אונזערע תפילות, בביאת גואל צדק, בב"א.

בעזהשי"ת

## קהל אור החיים ד'טאהש

קרית טאהש

תע"א

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זיעועכ"י - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

2 Beth Halevy Ave. Kiryas Tosh Boisbriand QC J7E 4H4 Tel. (450) 430-6380

לשמוע אל הרנה ואל התפלה

# זמן אמירת סליחות

ברוב עם הדרת מלך

בצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## א' סליחות

בשעה 5:00 בבית המדרש הגדול

תפלת שחרית כותיקין ברכות 5:58, הודו 6:13, שמו"ע 6:33

אחר התפלה יתקיים קבלת קהל לאורחים החשובים בחדר הפרטי למטה בבנין הישיבה,
וגם יהא מוכן שם צידה לדרך להאורחים

עלי' לציון הק' ואמירת כל ספר תהלים אחר קבלת קהל

## שאר ימי סליחות

בשעה 5:45 בהיכל הכוללים

ברכות 6:30 - הודו 6:45

## ערב ראש השנה

בשעה 4:30 בבית המדרש הגדול

ברכות 20 מינוט אחר סליחות

## בימי עשרת ימי תשובה

בשעה 5:30 בהיכל הכוללים

ברכות 6:30 - הודו 6:45

בברכת פועל'ט אלעס גוטס, וכתיבה וחתימה טובה בספשצ"ג

הנהלת הקהלה

נ.ב. המקוה בבנין ביהמ"ד הג' יהיה פתוח

התאחדות אברכים

דביהמ"ד אהל מרדכי דטאהש

תשרי תשפ"ו לפ"ק

## סדר השיעורים

באנו בזה להודיע לכלל אנשי שלומינו באי בית מדרשינו החשובים

פרטי סדר השיעורים

### הלכות ימי החג הבעל"ט

אשר ילמוד בהם

הרב הגאון הדומ"ץ שליט"א

בטוב טעם ודעת

ביום ב' סליחות - הלכות ראש השנה

ביום ג' סליחות - הלכות בניית סוכה

ביום ד' סליחות - הלכות ישיבת סוכה

ביום ה' סליחות - הלכות ארבעה מינים

ביום שבת קודש וילך-שובה - הלכות יום הקדוש

משעה 8:45 עד 9:45

בהיכל בית מדרשינו

בברכת חג כשר ושמח

הנהלת התאחדות אברכים

המשך מאמר בענין:

## בנין בית המקדש השלישי

הרי שאף בפועל לא נעשתה שריפת בית המקדש על ידם, אלא הקדוש ברוך הוא שלח אש ממרומיו להצית את בית הבחירה, והם לא שרפו אלא בית השרוף מכבר, ולכן מובן מה שאמרו בגמרא שאומר הקדוש ברוך 'אני הציתי אש בציון', כי אכן בפועל ממש לא היה השריפה אלא על ידי הקדוש ברוך הוא.

וממילא לפי זה, אף בנייתו במהרה בימינו, תהיה גם כן על ידו ממש של הקדוש ברוך הוא, וכשיטת רש"י, שירד בית מקדשנו ותפארתנו בנוי ומשוכלל ברוב פאר והדר.

### ההוכחה כשיטת הרמב"ם מהצורך בארבעה חרשים לבנות את הבית השלישי

לאידך גיסא ישנן הוכחות אף לשיטת הרמב"ם, ומצאו האחרונים כמה מקומות בדברי חכמינו ז"ל, שיש להוכיח משם כדברי הרמב"ם.

הערוך לנר (סוכה מא. בד"ה אי נמי) הביא להוכיח בזה כדעת הרמב"ם, מדברי הגמרא (סוכה נב:): "ויראני ה' ארבעה חרשים, מאן נינהו ארבעה חרשים, אמר רב חנא בר ביזנא אמר רבי שמעון חסידא, משיח בן דוד, ומשיח בן יוסף, ואליהו, וכהן צדק", וכתב רש"י (בד"ה חרשים): "חרשים - אומנים, משיחים שניהם חרשים לבנין בית המקדש", הרי מפורש בדברי חכמינו ז"ל כי משיח בן דוד ומשיח בן יוסף הינם חרשים שיבואו לבנין בית המקדש, ומוכח כדעת הרמב"ם.

אמנם מכאן יש להעיר גם על דברי רש"י עצמו, כי הרי בדברי רש"י מפורש כי בית המקדש ירד כלול בהדרו מן השמים, ואילו כאן פירש רש"י שצריכים להיות חרשים לבנות את בנין בית המקדש.

והיו שביארו בזה, כי הרי עצם הדברים תמוה ביותר, כי בסוגיית הגמרא שם (סוכה נב.) מבואר להדיא, כי משיח בן יוסף ייהרג עוד במלחמת גוג ומגוג, ואיך יתכן לבאר כפשוטו כי משיח בן יוסף יבנה בפועל את בנין בית המקדש, והרי

# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים וענינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

לא יהא זה אלא אחר שכבר ייהרג.

על כרחנו לבאר, כי אין הכוונה על בנייה גשמית בפועל, אלא הכוונה על בניית הבית במובן רוחני, וממילא שוב אין כל סתירה בדבר לדעת רש"י, כי אין הכוונה על 'בני' בפועל, אלא על 'בני' רוחנית במעלות הקדושה.

### הוכחה כשיטת הרמב"ם מציווי הקב"ה ללמוד את צורת הבית השלישי בכדי לידע את תבניתו

הוכחה נוספת לשיטת הרמב"ם היא מדברי הכתוב (יחזקאל מג, יא): "ואם נכלמו מכל אשר עשו צורת הבית ותכונתו ומוצאיו ומובאיו וכל צורותיו ואת כל חקותיו וכל צורותיו וכל תורותיו הודע אותם וכתוב לעיניהם וישמרו את כל צורתו ואת כל חקותיו ועשו אותם", וכתב רש"י: "ילמדו עניני המדות מפיך, שידעו לעשותם לעת קץ", הרי שהזהיר הכתוב ללמד את צורות הבית השלישי שנאמרו בנבואתו של יחזקאל, בכדי שידעו לעשותו כראוי בהגיע קץ הגאולה.

כאן שוב מוצאים אנו סתירה חמורה בדברי רש"י עצמו, כי אף כאן הזכיר רש"י אודות הצורך ללמוד את מידות הבית, בכדי שיוכלו לבנותו לעת קץ.

אמנם יש מקום לדחות, כי לעולם אין כוונת הכתוב על הצורך ללמוד את מידות הבית השלישי בכדי שיוכלו לבנותו בפועל, אלא הכוונה על ידיעת מידות הבית השלישי לצורכי בניית הבית השני בפועל, שהרי נבואתו של יחזקאל נאמרה אחר חורבן בית הראשון בגולת בבל, וממילא אף כי תוכן הנבואה ללא כל ספק מכוונת על הבית השלישי וכמו שהזכרנו בתחילת הדברים, מכל מקום מאחר ואמרו חכמינו ז"ל (מידות פ"ב מ"ה) כי בבית שני היו דברים שלא נעשו כבנין הבית הראשון אלא דוגמת הבית השלישי, לכן יש מקום לצוות על ידיעת צורת הבית השלישי בכדי לידע את צורת בנייתו של הבית השני.

### דיוק לשון התוספתא כשיטת הרמב"ם

עוד הביאו להוכיח מלשון התוספתא (פסחים פ"ח ה"ד): "ניתן להן לישראל לבנות בית הבירה, היחיד עושה פסח שני ואין הצבור עושה פסח שני, רבי יהודה אומר, אף הצבור עושה פסח שני", והובא בירושלמי (פסחים פ"ט ה"א). מדויק מלשון 'ניתן להן לישראל לבנות בית הבירה', כי בנין הבית השלישי עתיד להיבנות בפועל על ידי ישראל, ולא כשיטת רש"י שירד בנוי בהדרו משמי מרום.

אך אין הכרח גמור להכריע כשיטת הרמב"ם, הואיל ואין הלשון מכוון בהכרח עד תכלית משמעותו.

### ביאור דברי הגמרא שיוכלו לבנות את בית המקדש בלילה או ביום טוב אף שאסור לבנותו אז לפי דעת הרמב"ם

מעתה יש לנו לעיין לפי שיטת הרמב"ם, כיצד יפרנס את דברי הגמרא שהבאנו למעלה, בו מבואר כי יוכלו לבנות את בית המקדש ביום טוב, וכן יוכלו לבנות את בית המקדש בלילה, מאחר ואסור לבנות את בית המקדש בלילה, וכן אסור לבנות את בית המקדש ביום טוב.

המאירי (סוכה מא. בד"ה ולענין ביאור) עמד על הקושי שבדבר, וכתב לבאר, כי הנה בסוגיית הגמרא (שם) התבארו שני מהלכים בביאור הטעם שאסר רבן יוחנן בן זכאי שיהא יום הנף כולו אסור, האם הוא מחשש שיבנה בית המקדש ולא ידעו שיש לאסור אכילת החדש עד הבאת העומר, שזה רק אם יש לחוש שיבנה ביום טוב או בלילה, או כמהלך השני שהובא שם, כי אין מדובר בתקנה אלא בעיקר הדין, כי שיטת רבי יהודה לאסור את יום הנף כולו לאכול חדש. וחידש המאירי, כי אין מדובר בשני מהלכים, אלא מדובר בהוה אמינא ובמסקנא, שהמהלך הראשון הוא רק הוה אמינא, אך למסקנא נדחה המהלך והתקבל רק המהלך השני שהוא מעיקר הדין, וממילא למסקנא אכן אין חוששים שיבנה בית המקדש ביום טוב או בלילה, והיינו כי לא שייך לבנותו בזמנים אלו.

המשך בשבוע הבא אי"ה

## וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך.

עס ווערט דערציילט אז דער הייליגער קדושת לוי זי"ע האט אמאל ארויסגעקוקט פון זיין הויז צו די גאס בשעת ער איז געווען מעוטף בטלית ותפלין, און עס האט דאן אנגעכאפט א פחד פאר יעדן איינעם וואס איז געווען דארט אין גאס, בשעת קיינער האט נישט פארשטאנען וואס די פחד איז, האט דער בארדיטשובער זיך אנגערופן אז עס איז אים נישט קיין שום חידוש, ווייל עס שטייט דאך אין פסוק "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך", און חז"ל דרש'נן "אלו תפילין שבראש", וועגן דעם האט יעדן אנגעכאפט א ציטער.

*

אין די טעג בשעת מען האט געזוכט דער הייליגער בעל התניא זי"ע, איז איין טאג אנגעקומען אין די שטאט וואו די בעל התניא האט זיך דאן אויפגעהאלטן, א גענעראל מיט נאך סאלדאטן, און מען האט פארשטאנען אז זיי זענען געקומען זוכן די בעל התניא, איז מען שנעל געלאפן צום בעל התניא מודיע זיין אז עס זענען געקומען סאלדאטן אים צו פארכאפן, דער בעל התניא איז דאן געווען מעוטף בטלית ותפלין, איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער, און ווען די גענעראל איז דארט דורכגעפארן האט ער געקוקט אויפ'ן גענעראל, און דער גענעראל איז אראפגעפאלן פון זיין פערד און זיך צובראכן זיין פיס, האט דער בעל התניא געזאגט פאר זיינע חסידים, אז דאס שטייט דאך אין חז"ל "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך" "אלו תפילין

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

בראש", און וועגן דעם איז ער אראפגעפאלן, ווייל ווען ער האט געזעהן דעם תפילין האט אים אנגעכאפט א שטארקע פחד.

האבן די חסידים געפרעגט פונעם בעל התניא פארוואס האבן נישט די גוים מורא פון אונזערע תפילין, און נאר פונעם רבי'נס תפילין האבן זיי מורא, האט דער בעל התניא געענטפערט אז עס שטייט אין חז"ל "אלו תפילין שבראש" און נישט "תפילין שעל הראש", און מיין תפילין איז אין מיין קאפ, נישט נאר אויפ'ן קאפ.

*

אין די שטאט אוסטראווה איז געווען א פלאץ ווי עס איז אייביג געווען דארט בלאטע און מען האט נישט געקענט דורכגיין דארט, און מען האט געבויעט א שמאלע האלץ כדי מען זאל קענען דורכגיין אויף דעם האלץ, אבער די האלץ האט נאר געהאט פלאץ פאר איין מענטש דורכצוגיין, און ווען צוויי מענטשן האבן געוואלט דורכגיין האט איינער געדארפט אויסווארטן ביז יענער גייט דורך.

ווען דער הייליגער רבי ייבי פלעגט דורכגיין פלעגט יעדער האבן דרך ארץ אים אדורכצולאזן קודם, און אפילו להבדיל די גוים האבן געהאט דרך ארץ פאר אים, און ער פלעגט דארט א יעדן טאג דורכגיין פאר'ן דאווענען מעוטף בטלית ותפלין, און יעדער האט זיך געריקט פאר אים.

עס איז געווען נאך א רב אין די שטאט וואס האט זייער מקנא געווען רב ייבי, פארוואס פאר אים האט יעדער א יראת הכבוד און פאר אים נישט, ער האט פרובירט נאכצוטון די עבודה פון רב ייבי אפשר אזוי וועט מען מורא האבן פאר אים, ער איז אויפגעשטאנען גאר פרי פארטאגס און געגאנגען אין מקוה מיט אלע כוונת אריז"ל, און ער האט ספעציעל אינזין געהאט כוונות אויפ'ן פסוק וראו כל עמי הארץ, א.א.וו. און נאך די גאנצע עבודה איז ער געגאנגען אין גאס מיט ספעציעלע כוונות, ווען ער איז אנגעקומען צו דעם בריק, איז ער ארויפגעגאנגען אן קוקן צו איינער קומט, ווייל ער איז געווען פארזיכערט אז יעדער גייט זיך רוקן פאר אים, למעשה איז פון די אנדערע זייט ארויפגעקומען א גוי, און ווען זיי האבן זיך צוזאמען-געטראפן האט די גוי אים אראפגעווארפן, אזוי ווי אלע גוים פלעגן טון מיט די אידן.

גלייך נאכדעם איז רב ייבי אנגעקומען דארט, און ווי אייביג האט זיך יעדער געריקט פאר אים, איז די רב צוגעגאנגען צו רב ייבי און געפרעגט פשט פארוואס מען רוקט זיך פאר אים, צו ער האט עפעס כוונות בשעת'ן דורכגיין, האט אים רב ייבי געענטפערט אז ער האט נישט קיין שום כוונות, נאר די חילוק פון אונז ביידע איז, אז מיין גאנצע הארעוואניע איז איך זאל זיין איהר (א פשוטע איד) און אייער הארעוואניע איז אז איהר זאלט זיין איך (אדם גדול כרב ייבי).









# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיוהדו"ל חל בשבוע הבעל"ט

**המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר שמעון יחיאל אסבאג הי"ו (מאנסי)**
**לרגל שמחת הולדת נכדו למזל טוב**
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## הרה"ק רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע

**דעם זונטאג נצבים-וילך - כ"א אלול הבעל"ט געפאלט איס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן גאון רבי יהונתן אייבשיץ, רבי יהונתן בן רבי נתן נטע זצוק"ל.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי יהונתן אייבשיץ איז געבוירן געווארן אין יאר תנ"ד לפ"ק אינעם שטאט פינטשוב.

רבי יהונתן פלעגט דורכאויס זיין גאנץ לעבן נישט ארויסגיין מתוך ד' אמות של הלכה, און איז שטענדיג געזיצן און געלערנט אויסשטייגענדיג דער גרויסער גאון.

ער פלעגט לערנען און מקבל זיין תורה פון הגאון רבי מאיר אייזענשטאט בעל פנים מאירות זצ"ל, הגאון רבי אליעזר הלוי איטנגא אב"ד הלישות זצ"ל, הגאון רבי אברהם ברוידא זצ"ל.

אין יאר תע"ד איז ער אין יענע תקופה אויפגענומען געווארן אלס בעל דרשן אינעם ארטיגן קהלה פון שטאט פראג, און אזוי אויך איז ער געשטעלט געווארן צו זיין דער ריש מתיבתא, ווי ער האט געגעבן טיפזיניגע שיעורים ופלפולים פאר די תלמידים, און פון דאן האט ער מרביץ תורה געווען ביז סוף ימיו.

רבי יהונתן האט אויך געדינט ברבנות אינעם שטאט פראג, קהלות מיץ, אלטונא.

ער איז נסתלק געווארן כ"א אלול תקכ"ד, און איז געקומען לקבורה אינעם בית החיים אין אלטונא.

נאך זיין פטירה האט מען אנגעהויבן צו דריקן פיל פון זיינע חיבורים, וואס פארשיינען די וועלט מאור תורתו הקדושה.

### די צוויי עדות'שאפטן פונעם משרתת

אינעם שטוב פונעם רבי יהונתן אייבשיץ איז שטענדיג געווען א משרתת וואס האט ארויסגעהאלפן מיטן טאג-טעגליכן ווירטשאפט.

נאכן פטירה ווען מען האט איר געבעטן אז זי זאל עפעס זאגן איבער'ן הייליגן רבי יהונתן, האט זי געענטפערט, אויף צוויי זאכן קען איך עדות זאגן, איינס, אז דורך די אלע יארן וואס איך האב געארבעט ביי אים אינדערהיים האט ער קיינמאל נישט געגעבן קיין בליק אויף מיר. צוויי, יעדע נאכט ביי חצות האט רבי יהונתן אזוי שטארק געקלאגט אויף גלות השכינה, אז דער וועלכער האט געהערט זיינע שטורעמישע וויינערייען, האט געקענט מיינען אז דאס איז די לעצטער נאכט וואס רבי יהונתן לעבט.

### דאס קלוגשאפט פון רבי יהונתן

דאס קלוגשאפט וואס רבי יהונתן האט פארמאגט איז באקאנט פאר יעדן. ער פלעגט פארענטפערן פאר פריצים און שרים זייערע מאדנע און שווערע שאלות וואס זיי האבן אויסגעטראפן אויף די אידן, כדי צו כאפן אז דערויף האט נישט רבי יהונתן קיין תירץ, אבער רבי יהונתן האט אייביג מיט זיין גרויס קלוגשאפט זיי איבערגעקלוגט, און געענטפערט אן אום-ערווארטערטע ענטפער, וואס האט תיכף שטיל געמאכט דעם מויל פונעם פרעגער.

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ה אלול | הרה"ק רבי יחיאל מיכל בן רבי יצחק זי"ע - מ'זלאטשוב | תקמ"א |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"א אלול | הרבנית הצדיקת חוה ז"ל בת הרה"ק רבי יהודה הלוי זצ"ל<br>מחברתו הטהורה של רביה"ק זי"ע | תשנ"ו | אוהל הק' של רביה"ק זי"ע |
| כ"ב אלול | האשה החשובה מרת אסתר מינדל בת ר' זיידא ישראל חיים ע"ה ראטטענבערג<br>אשת הרה"ח ר' ארי' ע"ה | תשע"ג | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| כ"ה אלול | הרב החסיד ר' ירמי' בן ר' מאיר ע"ה פעקעטע | תשמ"ח | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ה אלול | הרב החסיד ר' שמואל אליעזר בן ר' שלמה ע"ה ראזענצווייג | תשנ"ט | ביה"ח בקרית יואל |

## וואס וואונדערט איר זיך, ביי ענק איז די זעלבע...

אמאל האט זיך געמאכט אז א געוויסע שר האט אנגעפרעגט פון רבי יהונתן, "איך וואונדער זיך אויף אייערע אידישע אום-שכל'דיגע הלכות, א הינדל וואס האט געגעסן א פולן טאפ פוטער, איז דער עוף כשר, אבער אויב ביים קאכן איז אין טאפ אריינגעפאלן א ברעקל פיטער, איז דער גאנצער טאפ שוין נישט כשר צום עסן, וויאזוי איז דאס שכל'דיג אזוי צו אננעמען דעם הלכה".

רבי יהונתן האט זיך נישט דערשראקן פונעם פלוצלום'דיגע קשיא, און האט תיכף געענטפערט פארן שר "וואס וואונדערט איר זיך, ביי ענק פירט מען זיך די זעלבע, א טריפה'נע חזיר וואס עסט אויפ'ן פעלד אלע מיסט, סערווירט מען אים דערנאך אויפ'ן קעניגליכער מאלצייט, אבער אויב עס פאלט אריין ביים קאכן אינעם טאפ סיי וועלכער שמוץ, ווערט דאס תיכף אוועקגעפירט אין מיסט אריין"....

## די פארשטייפטע האנט פונעם גלח

איינע פון די פילע וויכוחים וואס רבי יהונתן האט פארמאגט מיט גלחים, איז דער גלח געבליבן פארשעמט און שטיל, נישט האבנדיג וואס צו ענטפערן, און דער גלח שפירנדיג ווי ער מוז זיך ארויסזעהן פון דעם פלאנטער, צו וויזן פאר אלעמען זיין גרויסקייט און מעכטיגקייט, האט ער גענומען זיין ביקס, און עס געצילט אין ריכטונג פון רבי יהונתן, באלד אין יענעם רגע האט רבי יהונתן ארויסגעזאגט א ווארט פון זיין מויל, און די האנט פונעם גלח איז געווארן פאראליזירט, נישט קענענדיג רירן זיין האנט.

דאס האט אזוי אנגעהאלטן ביז מ'האט געבעטן דעם רבי יהונתן אז ער זאל מוחל זיין דעם גלח, און דעמאלטס איז די האנט צוריק געווארן ווי געווענטליך.

## נישט פארשעמט א איד

דער הייליגער רבי יהונתן איז וועלט באקאנט מיט זיין גאונות אין תורה און חידושים וואס ער האט מחדש געווען, און באלייכט דער תורה'דיגע וועלט מיט זיינע חיבורים, אבער רבי יהונתן פלעגט אויך האבן א זעלטענעם אהבת ישראל צו זיינע טייערע אידישע ברידער, און אפילו פשוט'ע פשוטי עם וועלכע האבן נישט פארשטאנען צופיל צו זיינע חיבורים, אבער דאך האבן זיי געפילט א נאנטשאפט צו רבי יהונתן, ווי רבי יהונתן פלעגט זיי אויפנעמען בסבר פנים יפות. אינעם פאלגנדן מעשה שפיגלט אפ דער רבי יהונתן'ס אהבת ישראל.

רבי יהונתן אייבשיץ האט אמאל געמאכט א סיום הש"ס, צום סיום האט ער איינגעלאדענט אלע שטאטסלייט, און ווי פארשטייט זיך איז צווישן זיי געווען אידן וואס זענען געווען פשוט'ע בעלי בתים וואס צו גוט האבן זיי נישט געקענט לערנען. אינמיטן די סיום האט רבי יהונתן געבעטן פון אלע באטייליגטע זאלן זאגן עפעס דברי תורה אזוי ווי די שטייגער ביי גאונים זיך צו מפלפל זיין אין לערנען וועגן אימער, איינע פון די אנוועזנדע פשוטי עם האט געוואלט וויזן זיין גרויס בקיאות התורה, האט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט מיט א הויך קול: "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד", פארשטייט זיך אז די ארומיגע האבן גאר שטאק געלאכט, אבער רבי יהונתן זעלבסט האט זיך גאר שטארק געפריידט זאגנדיג מיט זיין גרויס אהבת ישראל נישט צו פארשעמען א איד: "ענקערע אלע דברי תורה קען איך אפווענדן, דער פסוק וואס דער איד האט געזאגט דאס איז אמת ויציב, און דאס קען קיינער נישט אפווענדן", דאן האט רבי יהונתן אויסגעפירט, "ובתורתך כתוב לאמר שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד.

## שלא עשני גוי

מען האט אמאל באמערקט ווי רבי יהונתן זאגט נישט דער ברכה פון "שלא עשני גוי", האט מען אים אנגעפרעגט פארוואס ער זאגט עס נישט, האט רבי יהונתן געענטפערט: "ווען איך שטיי אויף צופרי, און איך דערמאן זיך אז איך בין א איד, ווער איך תיכף מרוגש און פרייליך צום באשעפער אז איך בין זוכה צו זיין א אידיש קינד, און איך זאג גלייך דער ברכה "שלא עשני גוי", ווייל איך קען נישט ווארטן ביז די ברכת השחר...

## די קפידא פון רבי יהונתן

רבי יעקב, פון די אינגע תלמידים פונעם הייליגן רבי יהונתן אייבשיץ איז אמאל אויסגעקומען צו וויילן אויף א שבת אין "איסטאנבול טערקיי", געדאוונט האט ער אינעם צענטראלן שטאטישער בית המדרש, און נאכן דאווענען איז ווי אמאליגע צייטן געווען דער סדר, אז דער רב האט מסדר געווען אלע געסט מיט אכסניות וואו צו עסן די סעודות שבת.

דער רב אינעם ארטיגן בית המדרש איז געווען רבי דוד בכר זי"ע, בעל שו"ת דברי אמת, אבער ווי ערשטוינט איז רבי יעקב געווען אז אים האט דער רב נישט מסדר געווען קיין אכסניא וואו צו גיין עסן סעודות שבת.

עס האט שטארק וויי געטון פאר רבי יעקב, אבער זיך געטרייסט אז דאס איז א בלויז טעות. צומארגנס נאכן דאווענען איז דער גאנצער ציבור אריבער זאגן "גוט שבת" פארן רב, ווען אינדערמיטן גייט אויך רבי יעקב, דער גאסט אין שטאט, אבער דער רב מאכט זיך נישט וויסענדיג פון אים, און ער שטעלט אים נישט צו קיין אכסניא צו עסן.

דאן האט שוין רבי יעקב באמערקט ווי עפעס ליגט דערינטער, אבער האט גארנישט געקענט טוען דערצו. קומענדיג צו שלש סעודות איז געווען דער מנהג אז דער רב לערנט פאר לימודים, און דער ציבור קען אריינפרעגן דעמאלטס זייערע קשיות, דא האט רבי יעקב געכאפט די געלעגענהייט צו ציען אויפמערקזאמקייט פונעם רב צו דערשנאפן וואס עס ליגט דא באהאלטן, אבער צו זיין גרויס לייד האט זיך דער רב ווידער נישט וויסענדיג געמאכט פון רבי יעקב.

דאן איז געקומען צו א מצב וואס רבי יעקב האט זיך מער נישט געקענט איינהאלטן, און אויסגעפלאצט אין א געוויין, פרעגענדיג דעם רב "וואס האב איך געזינדיגט אז דער רב וויל נישט מיט מיר האבן קיין שייכות"?

האט דער רב געענטפערט "באמת האב איך גארנישט אקעגן דיר, אבער איך זעה אז עס איז דא אויף דיר א קפידא פון א אדום גדול".

רבי יעקב האט אנגעהויבן צוריקטראכטן וואס דאס קען מיינען, ווען פלוצלונג האט ער זיך דערמאנט, אז אין די אינגע יארן אינעם תקופה ווען עס איז אנגעגאנגען די מחלוקת צווישן רבי יהונתן און רבי יעקב עמדין, האט ער געלערנט אינעם ישיבה פונעם הייליגן רבי יהונתן אייבשיץ, איין טאג האט ער זיך אנגערופן צו זיינע חברים "ווער זאגט אז רבי יהונתן איז גערעכט, אפשר איז רבי יעקב עמדין גערעכט"? זיינע ווערטער זענען אנגעקומען דעמאלטס צו די אויערן פון זיין ראש ישיבה, רבי יהונתן זעלבסט, און עס האט אים זייער וויי געטון אז זיינס א תלמיד קען אזוי רעדן, און האט דאן ארויסגעזאגט פון מויל "**זאלסט זיין פארוואגעלט און נישט האבן קיין מנוחה דיין גאנץ לעבן**".

ווען רבי יעקב האט געענדיגט פארציילן פאר'ן רב וואס ער טראכט אז די קפידא מיינט, האט ער זיך אנגערופן "**ריכטיג ריכטיג, דאס איז די קפידא וואס ליגט אויף דיר**".

דאן האט רבי יעקב באשלאסן ביי זיך, און געזאגט פארן רב, אז באלד מוצאי שבת וועט ער אפפארן קיין פראג, און איבערבעטן דעם רבי יהונתן. האט זיך דער רב אנגערופן צו אים "**וועסט אים איבערבעטן אז דו וועסט זוכה זיין**".

וואונדער איבער וואונדער, רבי יעקב האט תיכף מוצאי שבת זיך ארויסגעלאזט אין וועג, און איז אנגעקומען קיין פראג **פונקט צום לויה פונעם הייליגן רבי יהונתן אייבשיץ זי"ע**.

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

## המשך הלכות תפילין

דאס ראטעוועט פון זינדיגן[1], די מיילער פון די מקטריגים ווערן צוגעשטאפט[2], ער ווערט א שותף מיטן אייבירשטען במעשה בראשית[3], ער איז פארזיכערט אז זיין תפלה וועט נתקבל ווערן[4],

ער איז זוכה צו מכניע זיין דעם יצר הרע[5], ער איז זוכה צו שכר בעולם הזה[6], ס'איז מסוגל צו זוכה זיין בתורה[7], ער איז זוכה צו א קלארע און ריכטיגע דעה[8], ער איז זוכה צו השראת השכינה[9], תפילין של יד איז מציל פון שפיכות דמים און של ראש איז מציל פון גאוה[10]. ער איז זוכה צו טויזנט מלאכי שמירה[11], ער איז זוכה צו חשקת התורה[12], ער איז זוכה צו געדענקן תורה[13]. (מ'דארף געדענקן אז אמאל קענען אנדערע עבירות גורם זיין אז דאס זאל נישט ראטעווען פון זינדיגן[14]).

## אויב מ'לייגט נישט תפילין/

1 מנחות (מג:) 'רבי אליעזר בן יעקב אומר כל שיש לו תפילין בראשו ותפילין בזרועו וציצית בבגדו ומזוזה בפתחו, הכל בחיזוק שלא יחטא, שנאמר והחוט המשולש לא במהרה ינתק'.

2 זוהר חדש (רות קג ע"ב).

3 ברוך שאמר הקדמון, רוקח (עמ' מג)

4 תורת חיים (קאסוב משפטים)

5 מאור ושמש.

6 דברי יואל (ח"א ריג).

7 מנחם ציון.

8 שפת אמת.

9 ילקוט הראובני.

10 מנות הלוי.

11 מדרש רבה פי"ב) 'היד שהיא שולטת על מצוה אחת זו מצות תפילין כתוב בה יפול מצדך אלף שמסרו לה אלף מלאכים לשמרה'.

12 תפארת שלמה (ראה ד"ה א"י).

13 שמש ומגן (דרוש ל ד) בשם האריה"ק זי"ע והביא רמז והי' לך לאות על ידך וזכרון בין עיניך למען תהי' תורת ה' בפיך ר"ל ע"י בתפילין תהי' התורה שגור בפה לבלתי שכוח עכ"ד.

14 ספר שער התפלה (שו"ת סי' י עמ' תא בדפו"ח) 'וכבר כתבנו במקום אחר שעל כן אמרו חז"ל (מנחות דף מג) כל שיש לו תפילין בראשו כו' וציצית בבגדו ומזוזה בפתחו כו' בחיזוק שלא יחטא כו' עד כאן, ולכאורה אנחנו רואין בני אדם גם בני איש ששלש אלה יעשו להם ואינם בטוחים מן החטא, ואולם כי לכאורה היה לו לומר מי שיש לו תפילין 'על' ראשו, כי הלא על הראש הם התפילין ולא 'בראש', ואמנם במי שהם על ראשו לבד, ואינו משימם בראשו לשים מחשבתו בהן, הרי הוא כמו שמניחן על הכותל, אם הוא אינו מהרהר כלל הכתוב בהן, מה לי שמונחים על הראש או על הכותל והשלחן וכדומה, רק מי שיש לו תפילין בראשו, שבראשו מונחים התפילין, שמחשבתו קשורה וצמודה במה שכתוב בהתפילין והוא יחודו ואחדותו יתברך כנזכר למעלה, ואשר לו הכח והממשלה ולשעבד על ידיהם תאות הלב והמחשבה שבראש עם שאר חושיו וכוחיו, זה הוא אשר בחיזוק שלא יחטא'.

## ס'ליגט נישט אויפן ריכטיגן פלאץ/פסול'ע תפילין

דער וואס לייגט נישט קיין תפילין ווייל די מצוה איז נישט חשוב אין זיינע אויגן רח"ל, אפילו ער טוט דאס נאר איינמאל, גייט ער אריין בגדר 'פושעי ישראל בגופם', כל זמן ער טוט נישט תשובה[15].

אפילו מ'איז א בינוני וואס דער אויבירשטער טוט נייגן דעם כף מאזניים צו חסד, אויב האט מען די עבירה פון נישט לייגן תפילין צווישן זיינע עבירות, טוט די כף חובה מכריע זיין, און ער מוז גיין אין גיהנום, כל זמן ער טוט נישט תשובה[16].

אזוי אויך דארף מען נזהר זיין צו לייגן אויפן ריכטיגן פלאץ[17].

איינער וואס לייגט פסול'ע תפילין, איז נישט נאר וואס ער איז נישט מקיים די מצוה, נאר ער מאכט אסאך ברכות לבטלות[18].

## נזהר זיין בכשרות התפילין

דעריבער זאל מען נזהר זיין צו קויפן די תפילין פון א מומחה, ירא שמים, און א ת"ח. און מ'זאל קויפן די רצועות פון א איש נאמן, כדי צו זיין בטוח אז עס איז געמאכט לשמן און פון טהור'ע הויט[19].

מ'זאל מהדר זיין נאך שיינע תפילין, אזוויי עס שטייט 'זה קלי ואנוהו' אז א סופר אומן שרייבט מיט א שיינע שריפט, שיינע טינט, שיינע פעדער

15 תוס' (שבת מט. ד"ה כאלישע); שו"ע (סי' לז ס"א), מ"ב (סק"ב) 'אפילו מניעתו הוא רק לפרקים, וכ"ש אם מבטל תמיד ממצוה זו, והפמ"ג הביא בשם נחלת צבי, דאפילו מי שביטל מתפילין יום אחד הוא ג"כ בכלל פושעי ישראל', וראה במ"ב (שם בסק"ג); ובשלחן מלכים (סי' י דף רפב אות ו).

16 מ"ב (לז סק"ד).

17 מ"ב (סי' לז סק"ג): 'זה הוא תוכחת מגולה לאותן אנשים שמפני עצלותן מציו שיהיו תפיליהן מונחין על מצחן ולא על הקרקפתא, וגם השל יד אין מונח על מקומו כדין, דהלא זה הוא כמי שלא הניח כלל, וכבר זירז ע"ז ג"כ הפמ"ג שכתב דתפילין שמונחין שלא במקומן הרי הם כמונחין בכיסן'; ליקוטי מהרי"ח (ח"א דף טו ע"ב) 'אין הכוונה דוקא באם אינו מניחן כלל, רק אם אינו מניחן כדינו, או שהתפילין אינו כדינו ג"כ בכלל זה'.

18 מ"ב (לז סק"ד).

19 פמ"ג (סי' לב סק"ט), וקיצוש"ע (סי' י ס"א) ומוסיף 'אם על מלבושיו וכליו הוא מהדר שיהי' תיקונן מכ"ש בחפצי השי"ת'.

און שיינע פארמעט[20], ממילא איז אויך ראוי אז די בייטל זאל זיין שיין[21] (אבער נישט וואס איז אין סטייל, וואס דאן איז דאס שוין נישט פאר די מצוה).

מ'דארף אכטונג געבן אז די תפילין זאל נישט פסול ווערן מיט די יארן. ווי למשל ס'זאל זיך נישט אפגעשיילן די שווארצקייט פון די בתים אדער רצועות.

ס'זייער וויכטיג צו געדענקען, אז מיט די יארן ווערט די רצועה אויסגעברייטערט, און מ'דארף עס מאכן קלענער[22]. ווען מ'פארערעכט דאס, דארף מען זאגן פארדעם 'לשם קדושת תפילין'[23].

## נעמען פון תפילין

די תפילין ווערט אנגערופן אין די תורה; א. טוטפות; ס'דא אויף דעם פיר טייטשן א. ווייל ס'דא פיר בתים קעמערלעך אין די תפילין של ראש, און אין שטאט 'כתפי' רופט מען צוויי 'טט', און אין 'אפריקע' רופט מען צוויי 'פת' צוזאמען איז 4[24]; ב. דאס דאס איז א לשון פון 'רעדן' דער וואס זעט דאס צוגעבינדן ביי די אויגן וועט געדענקן די נס פון יציאת מצרים און רעדן דערפון[25]; ג. א לשון פון א צירונג[26]; ד. א לשון פון קוקן[27].

20 מ"ב (לז סק"ד).

21 ספר חסידים (סי' קכט) 'כבד את ה' מהונך אתה קונה ארגז לשמור כסף וזהב יותר יש לך לקנות ארגז נאה להצניע ספריך ותפיליך'.

22 וחזינן כמה בני אדם שהתפילין שלהם יורד על המצח כי בלא יודעים הרצועה מתרחב, ובכמה ספרים הרעישו ע"ז, ועי' יערות דבש (ח"ב דרוש ב), ובאות חיים ושלום סי' כז אות טו).

23 אם מרחיבו או מקצרה באמצע הנחת תפילין, יכול לומר 'לשם קדושת תפילין', כי הוא דבר המעכב, עי' ביאור הגר"א (או"ח סי' לב ס"א), ובבית שמואל (אבעה"ז סי' קלא סק"ח), ושועה"ר (סי' לב סל"א), וע"ע במ"ב (סי' יא סק"ד), ועי' שו"ת חיי הלוי (ח"י סי' ז) 'נראה דיש לרמז לחבירו לעשותו, והגם שאסור לרמז בעיניו, נראה שזה רק לכתחילה, אבל באופן דידן שהוא לצורך התפילין מותר, ובאופן שחבירו אינו מבין רמיזתו יש להקל לכתוב על נייר לחבירו שיצבע בהתפילין, ויאמר לשם קדושת תפילין, ובאופן שג"ז אינו בידו נראה דיש להקל לומר בעצמו לשם קדושת תפילין ולצבוע התפילין כיון שהוא לצורך התפילין, ומבואר בפוסקים דכשא"א בענין אחר מותר להפסיק, והגם שיש מקילין שסגי לחשוב במחשבה לשם מצות תפילין, נראה דכיון דיש מחמירין לומר בפיו אינו נקרא הפסק, ומותר לכתחילה לומר בפיו ולצבוע דהוי לצורך התפילין'.

ועושין הקשר חזק שיהי' באופן שלא יהי' ניתר ביד אחד, עי' עובר אורח על ארחות חיים (סי' כז ס"י), ובדברי יחזקאל החדש (הליכות והלכות) שיהי' באופן שא"א להתירו ביד אחד.

24 סנהדרין (ד:)

25 רש"י (שמות יג טז).

26 תוס' מנחות לד:).

27 תוס' (שם).

בעזהשי"ת

# בקשה לשליח ציבור

מתוך דברי אלוקים חיים שהשמיע

## כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעת שלה"ט ראש חודש אלול דהאי שתא

אונז שטייען יעצט אין חודש אלול א צייט וואס דער אויבערשטער געבט אונז א געלעגנהייט צו צוקומען צו איהם, רבינו הקדוש פלעגט אסאך רעדן דערפון די תלמידי הבעל שם זאגן, וויאזוי מ'קען צוקומען צום אויבערשטן איז דורך זאגן תפילות ותחנונים דורך זאגן תהלים, דאס איז א געוואלדיגע שטארקע זאך וואס קען אונז ראטעווען פון די מקטריגים, דאס העלפט צו דער מענטש ער זאל וויסן אויף וואס ער דארף תשובה טוהן.

חודש אלול זאגט מען יעדן טאג צען קאפיטלך תהלים נאכן דאווענען, אזוי ענדיגט מען צוויי מאל תהלים , דאס איז דריי הונדערט קאפיטלך כמנין כפר, די צוויי מאל תהלים איז מכפר אויף אלע חטאים, רבינו הקדוש פלעגט צו בעטן אז אויב ס'איז דא א בעל תפילה וואס איילט זיך און ער קען נישט זאגן די קאפיטלך תהלים נאכן דאווענען זאל ער זעהן צוצושטעלן א צווייטן . בעט איך און נאכמען פון רבינו הקדוש , מ'זאל זעהן א גאנץ יאר און איבערהויפט אין חודש אלול זיך צוצושטעלן צו דעם ,

## דער ש"צ האט א חיוב זיך צוצושטעלן צו דעם, און זאגן די תהלים נאכן דאווענען

**ס'איז דא א מנין פון אידן וואס ווילן זאגן תהלים אז ער גייט אוועק פונעם עמוד און לאזט עס אזוי איבער האט ער די אחריות אויף די תהלים,**
**אויב מוז ער אוועק גיין זאל ער צושטעלן א צווייטן**
**וואס זאל זאגן תהלים פארן עמוד אנשטאט איהם,**
**כדי אז די כפר זאל טאקע זיין גאנץ.**

אסאך מאל איז א מענטש נישט צוגעוואוינט צו זאגן תהלים און מיט דעם אלעם זאגט ער די פאר קאפיטלך מיט א מסירת נפש , קוקט זיך דער אויבערשטער צו צו דעם און ער האט א געוואלדיגע נחת רוח, דאס איז דאך א געוואלדיגע כבוד פארן אויבערשטן ווער רעדט נאך פון דעם אז ס'איז א כבוד פאר דוד מלכא משיחא, דוד המלך וועט זיכער משפיע זיין פאר דער וואס זאגט תהלים , און ווער רעדט נאך פון דעם אז ס'איז א כבוד פאר רבינו הקדוש וואס ער האט דאס געפאדערט פון אונז און ער האט דאס אריין געלייגט אין אונז , מיטן זאגן תהלים האבן אונז שוין אסאך מליצים אויבן , אונז דארפן נאר טוהן די אתערותא דלתתא און די אלע צדיקים פון אויבן וועלן טוהן א אתערותא דלעילא , די תהלים'ל און די תפילות וואס מ'בעט וועט מליץ זיין פאר אונז און אזוי וועלן אונז האבן א כתיבה וחתימה טובה.




בסייעתא דשמיא
כוללי אברכים
עטרת מרדכי
תפארת מרדכי
דקהל אוה"ח טאהש
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
יהא לבנו ולכל ישראל
סימן טוב ומזל טוב
אלו הדברים בשמחה נאמרים, אל כבוד האי גברא יקיר
לו פתוח כפתחו של אולם, למען חברי ורבני הכולל
עת שמחתו יערב לנו, קול תודה וזמרה לשמו
זמן שמחתו הוא שמחתינו, למען כוללינו שש וזר
רן שיר ושבח עת שמחתו, שכן חובתינו להלל ולפאר
אזמרה לאלוקי בעודי, להלל ולומר שירתא ותושבחת
להגדיל תורה ולאהדירה פועל בכל לבו, ובכן נהל
עוסק בתורה בכל יום בצוותא חדא, עם חברי הכולל כתורה מייג
זמירות יאמרו ותשבחות ישמיעו, מעומק הלב נאמרים, כשיר ובחירו
רבו פעולתיו למען כוללינו, את בני הכולל להאי
הלא הוא הרכני הנגיד, העומד לימין כוללינו המעטירה, בלב ונפש חפיצה
מו"ה אלעזר קליין הי"ו
תומך נכבד של כוללינו המעטירה
לרגל שמחתו הגדולה
בהולדת בנו למזל טוב
בשעה טובה ומוצלחת
בקהל עם נשיר עוזו ונביעה רננות בעד פעלו, על אשר נשא לבו אותו בחכמה
לתמוך בלב ונפש חפיצה
למען כוללינו המעטירה
בנדיבות הלב ובמסירות נאמנה עד אין קצבה
במטרה נשגבה להגדיל תורה ולאהדירה, לקנות מקצועות התורה בהתמדה רבה,
להרבות ספסלי בית המדרש, ולהרים את נזר כוללינו המעטירה מעלות מעלות
יהי רצון מלפניך ה' אלקינו ואלקי אבותינו, שיזכה לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח אושר ועושר עד אין קצבה וגבול, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, עדי נזכה בקרוב ממש לביאת מלכא משיח, בעגלא ובזמן קריב, ונאמר אמן.
כעתירת וברכת
הנהלת הכולל


אשרי יושבי ביתך..
אשריכם משלחן גבוה קא זכו!
ביי דער געלעגנהייט ווערט אויסגעדרוקט א הארציגן יישר כח פאר אלע שותפים
נדיבים החשובים קוני זכותי השלחנות
וועלכע האבן די זכי' צו זיין מיושב"י בית המדרש און פינאנצירן דעם ריזן פראיעקט פון
$700,000
בשיר ושבח לה' רופן מיר אויס א הילכיגן שהחיינו און תתחדש! אנשי בשורה אנו היום, אין די יעצטיגע טעג איז בסייעתא דשמיא
אנגעקומען די שיפמענט פון די נייע טישן און בענק
וואס פארשפרעכט א פרישע צורה און התחדשות צום נייעם יאר לפאר ולרומם את בית אלקינו, ולרווחת הציבור קהל עדתינו במשך די הייליגע תפילות און טישן
השלם מה התחלת!
אזוי ווי ס'פעלט נאך א באדייטנדער חלק אויסצוצאלן געגנצליך דעם באלאנס, אפעלירן מיר:
נאכנישט געקויפט?
שליסט אייך יעצט אָן!
שוין געקויפט?
צאלט אויס אייער באלאנס!
שלחנך







# תשרי תשפ"ו

## ישיבת בין הלמנים



| | זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג | שב"ק |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נצבים | א' סליחות | 11:30 2:30 | 11:30 2:30 | 11:30 2:30 | 11:30 2:30 | | |
| וילך | 2:00 2:30 | ערב ראש השנה | א' ראש השנה | ב' ראש השנה | צום גדליה | | |
| האזינו | 2:00 2:30 | 11:30 2:30 | 11:30 2:30 | ערב יום כיפור | יום כיפור | | |
| סוכות | 2:00 2:30 | ערב סוכות | יום א' סוכות | יום ב' סוכות | א' דחוה"מ 1:00 3:00 | ב' דחוה"מ 1:00 3:00 | |
| בראשית | ד' דחוה"מ 1:00 3:00 | הושענא רבה | שמיני עצרת | שמחת תורה | אסרו חג 12:30 2:30 | | |
| נח | 2:00 2:30 | 11:30 2:30 | 11:30 2:30 | א' ר"ח חשון | ב' ר"ח חשון | | |

# דרשת הספד

## שהשמיע כ"ק אדמו"ר מ'קרעטשניף סיגוט זצ"ל
## אצל מעמד עצרת התעוררות בירושלים עיה"ק
## אחר הסתלקותו של מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע

ברשות הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א. איך האב נישט געטראכט איך וועל דארפן זאגן, איך האב נישט גע'חלומ'ט אויף דעם, נאר פטור בלא כלום אי אפשר, אז מען קומט זיך משתתף זיין ביי אזא עצרת, א כינוס פון ערליכע אידן עובדי ה' תלמידי חכמים מבקשי ה', יעדער איינער איז דאך געקומען הערן וואס עס מיינט א צדיק אמת, וואס מיינט א עובד ה' כדי זיך אפצולערנען ווי ווייט א איד קען דערגרייכן בדור הזה, און הערן אז ס'איז נאך געווען אין דעם דור אזא איד א צדיק הקדוש וטהור. אונז האמיר דאך א שטיקל התקשרות צום צדיק, קודם אלס מחותנים און אויך איז געווען א געוואלדיגע התקשרות פונעם הייליגן טאטן ז"ל צום הייליגן נפטר זי"ע.

דער טאטע ז"ל פלעגט אלעמאל טייטשן 'הצדיק אבד ואין איש שם על לב', האט ער געזאגט ווען איז 'הצדיק אבד'? דאס איז ווען 'ואין איש שם על לב', קיינער טראכט נישט אויף ווייטער וואס ס'גייט זיין. אבער דער צדיק האט איבערגעלאזט אויף דעם עולם א הנהגה וואס יארן האט מען געקענט צוזען 24 שעה די עבודת ה', דער איד האט מפקיר געווען זיין גוף, רוחניות און גשמיות אלעס מחיה צו זיין אידישע קינדער.

איך האב געהערט פון אידן פון פריערדיגן דור, זיי האבן געלערנט צוזאמען מיט'ן הייליג'ן טאהש'ער רבי'ן אין איינע פון די אונגארישע ישיבות, מען האט געזען אלס בחור ביי די 15 יאר, ביי די 16 יאר, ביי די 17 יאר, ער האט אים געזען שפעטער ביי די 80 יאר, ער איז געפארן שפעטער קיין טאהש ער האט אים געזען, און מען האט צוגעזעהן ממש די זעלבע הנהגה, די זעלבע עבודה, די זעלבע ברוך אתה און די זעלבע כוונת ה', די זעלבע וויאזוי ער האט געדאווענט ביי די 80, די זעלבע זאך האט ער געזען ווען ער איז געווען א בחור פון פופצן זעכצן יאר, די התמדה זיינע איז געווען למעלה מן הטבע, ער האט אוועקגעגעבן זיין גאנצע גוף, ער האט קיינמאל זיך נישט געלייגט אין קיין בעטן שלאפן אין די יונגע יארן, און דאס איז געווען די עבודת הקודש אז בדור הזה איז נאך געווען א צדיק וואס מען קען זיך אפלערנען.

א רבי איז טייטש רבי' אלופי ומיודעי, נישט סתם דערציילן מעשיות, מען גייט און מען קומט, מען גייט אוועק פון א הספד און מען הערט א דרשה, דער צדיק האט זיך אזוי געפירט אבער וואס האט עס מיט מיר. אז מען קומט זיך צוזאם אויף אזא מקום קדוש, בפרט בימי חודש אלול דארף מען טראכטן, וואס קען איך אראפלערנען פון די הנהגה, וואס קען איך אראפנעמען פון די הנהגה וואס דער צדיק האט זיך געפירט.

א יונגערמאן האט מיר דערציילט די וואך, - ווער ס'קען אביסל טאהשער נוסח וועט אביסל פארשטיין וואס איך זאג יעצט, - אז ער האט געהערט פון מיין טאטן זי"ע: אנדערע מענטשן מוטשענען זיך ביז מען הייבט אן צו דאווענען, ס'דויערט ביז מען גייט אריין אינעם דאווענען אינעם ספר תהלים, נאך א קאפיטל מיט נאך א קאפיטל מיט נאך א קאפיטל, ווען דער טאהשער רבי האט געמאכט די ברכה 'להתעטף בציצית' - האט ער נאכגעמאכט די נוסח, - האט ער געזאגט "להתעטף" איז ער שוין געווען אינמיטן דאווענען, ער האט נישט געדארפט ווארטן... ער האט געמאכט "להתעטף" איז ער שוין געווען אינמיטן דאווענען. און דאס איז געווען די עבודה, לאו דווקא ביים דאווענען, נאר יעדע מינוט און יעדע סעקונדע איז ער געווען הפקר פאר'ן אייבערשטן.

איך דארף דאך נישט רעדן פון די כח הצדקות, ווייסט דאך יעדער איינער, די כח הצדקות וואס איז געווען למעלה מן הטבע. אידן האבן מיר דערציילט זיי זענען געווען דארטן נישט איינמאל, ס'איז נישט געווען קיין לעקטער אין די ישיבה, ס'איז נישט געווען קיין ברויט אין די ישיבה, ס'איז נישט געווען גארנישט, אבער ס'איז געקומען א איד האט ער גלייך געשאפט אלפים, ער האט געהייסן גיין, אין די און די שאפע אין דריטן שטאק, אין די ספרים, אין דעם אין דעם ספר, דארט ליגט אוועקגעלייגט פאר דיר געלט, ער האט אלס איסבאהאלטן אז קיינער אין די וועלט זאל נישט וויסן נאר די מקבל אליין.

אזוי איז געגאנגען די גאנצע עבודה זיינע, אלעס איז געגאנגען לשם שמים, איז 'הצדיק אבד ואין איש שם על לב', אבער אז מען רעדט פון א צדיק וואס אפילו די חלק הגוף איז נישט געווען אויף דעם עולם, אבער די חלק הרוחני איז געווען צווישן אונז ביז יעצט, אונז האמיר געהאט א צדיק וואס מען האט געוויסט אז ער איז מגין אויפ'ן דור און ער איז מתפלל פאר אונז, אפילו בגוף ממש האט מען ליידער נישט ממש געהאט דעם געוואלדיגן קשר, אבער די חלק הרוחני האט דאך אוודאי אנגעהאלטן ביז די לעצטע מינוט.

ובפרט ס'קומט יעצט ראש השנה, ס'קומט אזא געוואלדיגע גרויסע זמן, א געוואלדיגער עת רצון, דארף מען טראכטן, ווער וועט בעטן פאר אונז, ווער וועט מתפלל זיין פאר אונז, ווער וועט מגין זיין אויף אונז, ממילא ליגט א חוב על כל אחד, כ'בין נישט קיין מוסר זאגער ח"ו, - ובפרט אזעלכע אידן זיצן דא, וואס איך קום נישט צו צו קרסולי רגליהם, נישט אין תורה נישט אין עבודה, - נאר מען דארף באמת טראכטן אז ס'קומט א גרויסע זמן פון ימי אלול פון ראש השנה הבעל"ט און אלע הייליגע ימים טובים, אז אזא איד ווי טאהשער רבי אין איין ברכה זיינע האט ער געקענט איבערדרייען די וועלט, מיט איין ווארט, מיט איין שם הוי"ה וואס ער האט געקוקט כסדר, האט ער מרעיש עולמות געווען. דאס איז צו וויזן א לימוד אז ס'איז דא אזא זאך ווען א איד מאכט א ברכה, ווען א איד דאווענט, ווען א איד עסט, מען האט געזען זיין קדושה וטהרה אין די עסן,

מען האט געזען די קדושה וטהרה ווען ער האט געלערנט גמרא, איך האב מיר אסאך מאל געדרייט אין שטוב אלס מחותן, איך האב אים געזען לערנען גמרא, איך האב אים געזען זאגן תהילים, איך האב געזען פארשידענע זאכן.

דער טאטע ז"ל פלעגט טייטשן 'איש קדוש הוא עובר עלינו תמיד', האט ער געזאגט אויף איינע פון די צדיקים הגדולים, 'איש קדוש הוא עובר עלינו תמיד', ער איז תמיד געווען א איש קדוש. ער האט קיין איין רגע נישט מסיח דעת געווען פונעם אייבערשטן, און דאס דארף מיר אונז זיך אפלערנען אז בדור הזה, א מענטש וואס איז געשטאנען, מען קען זאגן, בפשטות אין א גוף, ער האט זיך געקענט אזוי אויסארבעטן דעם חומר און מהפך זיין חומר ליצירה און מרבה זיין אזויפיל בצדקה און בחסד, און אויפשטעלן תלמידים הגונים וואס מען זעט בפירוש, ב"ה יונגעלייט אין די גאנצע וועלט, ווער ס'האט זיך דארט געדרייט, ווער ס'האט דארט געלערנט, מען קען דערקענען א יונגערמאן וואס האט געלערנט אין טאהש אז ער איז א טאהשער יונגערמאן, מען האט געזען די עבודה וואס ער האט אריינגעלייגט אין די בחורים, מען זעט אין די ספרים, די אלע שמועסן וואס ער האט געזאגט, ער האט נאר גערעדט פון עבודת ה' און נאר פון תורה און פון התמדת התורה, דאס איז געווען זיין גאנצע חיות.

און פארשטייט זיך אוודאי אז דאס דארף מען מיטנעמען מיט זיך, און דאס דארף מען אריינטראכטן מתי יגיע מעשי למעשי אבותי, דארף מען טראכטן - ס'איז א מציאות אז מען קען אנקומען דערצו.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין באמת צו גיין אין זיינע וועגן, און עס איז זיכער א געוואלדיגן נחת רוח פאר'ן הייליגן טאהשער רבי'ן ז"ל בעולם העליון אז אזויפיל אידישע קינדערלעך זענען זיך דא צוזאמגעקומען, און אין דעם זכות וועט ער קענען ממשיך זיין השפעות טובות, און זיין חשוב'ע זון דער רבי שליט"א הממלא מקומו וואס איז ממשיך די עבודת הקדוש זאל מאריך ימים זיין על ממלכתו, ער זאל קענען ווייטער פירן די עדה הקדושה אויף דעם דרך וואס דער הייליגער טאהשער רבי ז"ל האט אוועקגעשטעלט, מען וועט זוכה זיין אז די צדיק וועט משפיע זיין פון עולם העליון השפעות טובות און ברכות טובות על כל יחיד ויחיד, אידישע קינדער זאלן געהאלפן ווערן מיט אלע ישועות מיט אלע רפואות ברוחניות ובגשמיות, זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה לאלתר לחיים טובים ארוכים ולשלום, בב"א.

עש"ק כי תבוא

ישיבת בין הזמנים

תשרי תשפ"ו

## מיט דעם ווילן מיר מודיע זיין אז ישיבת בין הזמנים וועט זיך אי"ה אנהייבן מאנטאג, ב' סליחות.

דער זמן פון ישיבת בין הזמנים יעדן טאג איז

# 11:30 - 2:30

**בעז"ה וועלן יעדן טאג זיין עטליכע גורלות פאר די וואס קומען אין צייט.**

שב"ק כי תבוא

ישיבת בין הזמנים

תשרי תשפ"ו

פייערדיגע דיבורי קודש וואס

# רבינו הקדוש לי"ע

האט אויפגעפאקערט פון דיר, חשוב'ער בחור:

"און יעדער וואס וויל האבן א שייכות צו אונז זאל נישט סתם זאגן ער איז געווען, נאר ער מוז זיך אליין איינפאלגן און איינגעבן צום סדר וואס מ'האט מסדר געווען, אויספילן די טעג און זיך אונטערנעמען נישט צו פארפעלן קיין שום צייט. מ'זאל קומען אין דער צייט טאקע צום לערנען און צום דאווענען און זיך האלטן צו האבן א שייכות!"

מתוך דבריו ליל שישי פרשת נצבים וילך, בנעילת זמן הקיץ תשנ"ט

"איך בעט בכל לשון של בקשה אלע בחורים פון ישיבה קטנה און ישיבה גדולה, סיי פון דאהי און סיי פון ני יארק ובכל מקום שהם, ס'איז בנפשי אז יעדער בחור זאל זיצן אין בית המדרש אין די שעות וואס די הנהלה האט קובע געווען די ישיבת בין הזמנים. איך וויל זען די רשימה פון יעדן וואס האט זיך צוגעשטעלט. און די אלע וואס שטעלן זיך צו מיט אן ערנסטקייט זאלן זיין געבענטשט מיט א ברכה מן השמים!"

הכריז ברבים בשב"ק פרשת שמיני החודש תשנ"ז לפני קריאת התורה, בעת התייסדות ישיבת בין הזמנים


בעזהשי"ת
קהל אור החיים ד'טאהש
קרית טאהש
תע"א
בהתקרב ובא את ימי זמן שמחתינו חג הסוכות הבעל"ט
הננו בזה להגיש ולהציע אל מעלת כבוד חכמי ונדיבי לב, נגידים המפורסמים במעשי צדקה וחסד, ליקח להם מקח טוב
זכותים נפלאים להיות להם חלק ונחלה, לכבוד הציבור ולכבוד הרגל
ולקנות זכותים אדירים בהיכל
הסוכה הגדולה
בו יערוך כ"ק מרן רבינו שליט"א את השלחנות הטהורות בצילא דמהימנותא קדישא
ביחד עם סעודות האורחים החשובים שבאים להסתופף בצל הקודש
במשך ימי חג הסוכות וחול המועד בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל אלפי אנ"ש די בכל אתר ואתר
זכות שם הסוכה
$36,000
זכות סעודת אושפיזא דאברהם רחימא
$6.000
זכות סעודת אושפיזא דיצחק עקידתא
$6.000
זכות סעודת אושפיזא דאהרן כהנא קדישא
$6.000
זכות סעודת אושפיזא דיוסף צדיקא
$6.000
זכות סעודת אושפיזא דיעקב שלימתא
$6.000
זכות סעודת אושפיזא דמשה רעיא מהימנא
$6.000
זכות סעודת אושפיזא דדוד מלכא משיחא
$6.000
זכות נכבד בהיכל הסוכה
$1.800
ויה"ר שזכות זיכוי הרבים ילוו הנדבנים החשובים, ויזכו לכל טוב סלה, השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות במדה גדושה,
אושר ועושר, נחת והרחבת הדעת, עדי נזכה לחסות בסוכת עורו של לויתן בביאת משיח צדקינו, ומלכינו בראשינו, בב"א
מי שרוצה ליטול חלק יפנה אל מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו משב"ק 514.651.4174


יישר כחכם!
קרן חתנים
תלי"ת שטייענדיג נאך דעם העכסט געלונגענעם סוקסעספולער
טעלעפאן קאמפיין פון קרן חתנים
טוען מיר זיך באדאנקן פאר אלע נדבנים
וואס האבן זיך ווארעם אנגערופן און זיך משתתף געווען
מיט גרעסערע און קלענערע סכומים און אדאנק אייך האבן
מיר בעזה דערגרייכט דעם אסטראנאמישן סכום פון:
$60,290 USD
$82,200 CAD
ובראשם ווילן מיר זיך באדאנקן פאר הני נגידים בעם
וואס האבן גענומען א גרעסערן חלק אינעם קאמפיין
און נאר אדאנק אייך זענען מיר בס"ד אנגעקומען
ה"ה
קהל אור החיים
הרה"ח יצחק יודא לייב ממש"ט שליט"א
הרה"ח שאול שמואל
ובנו הרה"ח משה סטראלאוויטש שליט"א
הרה"ח מרדכי ווידער הי"ו
הרה"ח יואל קלמן הערשקאוויטש הי"ו
הרה"ח יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו
השי"ת זאל אייך אלע צוריק באצאלן בכפלי כפליים מיט אלע
השפעות טובות בזכות מצות הכנסת כלה און איר זאלט זוכה
זיין צו א כתיבה וחתימה טובה בספרן של צדיקים גמורין אמן
רב לבם בנ"י לו"י
ר' יעקב שאול הערשקאוויטש הי"ו
ר' משה אלי' פאגעל הי"ו
מוסדות טאהש
הריני מוסר מודע"ה
ר' יואל בר"מ קרויס הי"ו
EXOTIC.TEAM
גרעפיקס
ר' דוד ברמ"י הערשקאוויטש הי"ו
בסידור המודעות ושיפור לשון
על מזבח הדפו"ס
ר' יואל יאנקאוויטש שליט"א
Control-P
בהדפסת כל המודעות וכדו' להקאמפיין
הכל על מקומ"ו
הרה"ח מרדכי ווידער שליט"א
הרב ר' אהרן שווארץ הי"ו
הרב ר' שמואל צבי ווייס הי"ו
הנהלת ביהמ"ד הג' אשר שעזרו,
לסדר מקום הקאמענד סענטער
שקל הטהו"ר
ר' צבי האלפערין הי"ו
ר' דוד קארן הי"ו
אשר סדרו הסקרין להקאמפיין
שיהיו הכל על טהרת הקודש
הללהו בצלצל"י שמע
ר' שלמה וויזנער הי"ו
Advanced Talk
ר' יואל סאנדל הי"ו
Rmf Sulotion
לסדר הטעלעפאונס להקאמפיין
נאה דור"ש ונאה מקיי"ם
הרה"ח שלמה יואל גרינהויט הי"ו
פאר'ן אנווארעמען דעם ציבור תלמידי ויוצאי ישיבתינו הק'
און אן עקסטערן דאנק פאר'ן עפענען ביתו לרווחה פאר
די מסיבות הכנה צום קאמפיין
הרב ר' חיים קרויס שליט"א
הערשקאוויטש היימישע געבעקס
ר' הערשל פרידמאן שליט"א (הערשקאוויטש)
רעליש קעטערינג
הרה"ח אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו
וואס האבן צוגעשטעלט ברייטע טעימה קלה קאלטס און
ווארעמס במשך דעם גאנצן קאמפיין להחיות בהם נפש כל חי
קרן חתנים
א עקסטערע דאנק פאר די ראשי וגבאי הקרן וואס שטייען
לימינינו א גאנץ יאר מיט מסירת נפש אז אלעס זאל קענען
אנגיין אומגעשטערט
ומרדכי יושב בראו"ש הקר"ן
הרב ר' מרדכי הערשקאוויטש שליט"א
משגיח רוחני בישיבתינו הק' - ומנהל הקרן
ואתו עמו הבה"ח
החתן יעקב אלימלך קליין הי"ו
יושב ראש הקרן
וואס געבן אוועק קאפ און מח א גאנץ יאר מיט מסי"נ און
שוינען נישט קיין צייט, כח און געלט בלי ליאות
הגבאו"ת יפצחו לפניכם רינה
הבה"ח שלמה יצחק גאלדשטיין הי"ו
הבה"ח צבי הירש פיש הי"ו
הבה"ח ישעי' ארי' לייב הערשקאוויטש הי"ו
גבאי הקרן
וואס שטייען לימין הקרן א גאנץ יאר
מיט אלעס וואס פעלט זיך אויס
כי ביצח"ק יקר"א
א ספעציעלע דאנק טוען מיר געבן פאר
האברך החשוב ר' יצחק אייזיק פרידמאן הי"ו
(וויינשטאק)
פאר'ן ארויסהעלפן מיט אזא איבערגעגעבנקייט
וגם לרבות
הבה"ח יואל בינער הי"ו - הבה"ח יעקב יוסף שווארץ הי"ו
הבה"ח אשר ענזיל ברי"א קרויס הי"ו
וואס האבן ארויסגעהאלפן ביים קאמפיין
אז עס זאל זיין א סוקסעס על צד היותר טוב
שמח בחור
אן עקסטערע דאנק פאר אלע חשוב'ע בחורים תלמידי
ישיבתינו הק' וואס האבן אוועקגעגעבן טייערע צייט צו טון
פאר זיך אליין
די זכות המצוה זאל אייך אלע בייסטיין צו פארשריבן ווערן לשנה טובה ומתוקה לכל טוב סלה
הנהלת קרן חתנים

הנהלת המוסדות בקרית טאהש:

## מעמד ובחרת בחיים לאזט איבער שטארקע רושם אויף אלע הורי מוסדותינו הק'

דעם זונטאג כי תבוא העעל"ט איז פארגעקומען אין קריתינו הק' א שטארק דערהויבענע אסיפת הורים "ובחרת בחיים", ווי עס זענען זיך צוזאמען געקומען אלע חשובע עלטערן פון תלמוד תורה, ישיבה קטנה און ישיבה גדולה, און פון בית חינוך לבנות בית צירל, בראשות בני וחתני כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א ודייני ה'בית הוראה' דקהלתינו הק', זיך צו פאראייניגן מיט איין ציל און מיט א קלארקייט אין השקפת התורה צוזאמען ארבעטן די עלטערן און די מוסדות פאר די הצלחה פון חינוך הבנים והבנות צום קומענדיגע יאר בסייעתא דשמיא.

עס האט אויפגעטרעטן אלס יושב ראש הר"ר יוסף מאיר הערשקאוויטש שליט"א דער מנהל רוחני פון מיידל שולע, וואס האט מיט קורצע ווערטער אויפגערופן דער חשובען מנהל פון ישיבה קטנה הרה"ג ר' יוסף יששכר בער סג"ל טירנויער שליט"א צו איבערגעבן די דבר המוסדות פאר די חשובע עלטערן. דער מנהל האט זייער ווארעם ארומגערעדט איבער די יסודות פון דעם פלאץ און צו וואס מיר האבן די זכי' צו ערציען די קינדער אין אזא מקום קדוש, דערנאך האט ער טרעפליך ארויסגעברענגט ווי ווייט ס'איז וויכטיג פאר עלטערן צו ברענגען אז די קינדער זאלן איבערגענומען ווערן פון התפעלות פון יעדע רוחניות'דיגע זאך אינעם אידישן לעבן, און נישט זיי אויסלערנען צו האבן התפעלות פון גשמיות און וועלט'ליכע זאכן, און בעיקר דורכדעם וואס די עלטערן זעלבסט זאלן נתפעל ווערן פון יעדע אידישע זאך און ארויסברענגען זייער התפעלות צו די קינדער ביי יעדע זאך. סיי ווען איינער האט זיך פארהערט וכדו', סיי ווען מען שטייט אויף צייטליך, אזוי ארויסברענגען די מעלות און די התפעלות דערפון. דער מנהל שליט"א האט ארויסגעברענגט נאך אפאר וויכטיגע נקודות גאר אין קורצן

זיך אנטשולדיגנדיג אז ער וויל נישט אויפהאלטן די צייט און נישט צו לאנג מאריך זיין כדי צו ענדערש איבערלאזן פארן גאסט רעדנער דעם ווארט.

דערנאך האט מען אויפגערופן דער גרויסן גאסט רעדנער דער לאנגיעריגער מחנך נפלא הרה"ג ר' אלעזר יונה זילבערמאן שליט"א, וואס האט געהאלטן געשפאנט דעם ציבור כמעט פאר איינס און א האלב שעה, און גאר שטארק ארויסגעברענגט די חשיבות פון יעדע איד, און אז אונזער הויפט אויפגאבע דארף זיין דאס צו געבן צו שפירן פאר אונזערע קינדער אז יעדע איד איז חשוב. ארויסגעברענגענדיג וואס דער הייליגער ר' שלמה'לע קארלינער זי"ע זאגט, אז די גרעסטע נסיון אין גלות איז דאס אז מיר פארגעסן ווער מיר זענען, מיר פארגעסן אז מיר זענען 'בני מלכים'.

דערנאך איז שטארק ארומגערעדט מיט פראקטישעביישפילן די אמת'ע שמחה פון אידישקייט, די אינערליכע פרייליכקייט פון פירן א ריינע אפגעהיטענע אידישע שטוב פון שמירת תורה ומצוות, ארויפקוקן אזעלכע שטובער שעצן ערליכקייט, פרומקייט, חסידישקייט או"וו.

אזוי האט דער בעך דער דרשן געפלאכטן זיינע ווערטער און צוגעלייגט נאך אסאך פרטי פרטים, דער עיקר נקודה איז זייער שטארק ארויסגעברענגט געווארן, ווי וויכטיג ס'איז צו פארשטיין די צוזאמענארבעט פון עלטערן אין א מוסד, מען זאל זיין אויף איין בלאט, אונז ווילן אלע די זעלבע זאך, אונז ווילן האבן ערליכע קינדער, עלטערן זאלן פארשטיין אז מנהלים, מלמדים, מנהלת'ן און טיטשער'ס טוען נישט סתם זאכן, זיי זיצן אויף דעם צומאל וואכן און חדשים בעפאר מען טוט א זאך, נישט אייביג קען מען דאס ערקלערן פאר די עלטערן, און נישט אייביג איז מעגליך אז די עלטערן זאלן אפי' פארשטיין די שווערע ארבעט וואס ליגט אין יעדע פרט וואס זיי טוען. אז עלטערן וויסן דאס איז דא אינגאנצן אן אנדערן בליק פון הכרת הטוב מצד די עלטערן צו די מוסדות, מען נעמט גרינגער אן מ'טוט ארבעטן צוזאמען און זיכער נישט סתם אוועקמאכן.

עס איז ארויסגעברענגט געווארן די וויכטיגקייט אז יעדע מוסד זאל האבן תקנות, עס איז ערקלערט געווארן מיט א קלארקייט די חשיבות פון תקנות פון א מוסד, ווי דער חזון איש ז"ל זאגט שוין אז אויספאלגן און היטן די תקנות פון א מוסד גייט אריין אינעם לאו פון 'לא תסור', א מוסד מוז האבן

תקנות און דאס זענען וואס האלט אן די יסוד און קיום פון די מוסד מיט אלע קינדער וואס ווערן דערין נתחנך, און עלטערן און קינדער דארפן מחזק זיין און אפהיטן און אויספאלגן די מוסד'ס תקנות, און ווי וויכטיג ס'איז אז די עלטערן זאלן אויסלערנען די קינדער אז מען זאל זיך צושטעלן צו דעם.

א שטארקע חלק פון דעם שיעור האט מען זיך באצויגן צו די שווערע דרויסנדיגע גאס אין היינטיגע תקופה, ווי דער בעל דרשן האט מיט א ליצונתא דעבודה זרה מגנה געווען די גאס אויף זייער א שטארקער אופן, ווי שטארק די גאס איז היינט פארפליצט מיט האטליינס און טעקסט מעסעדזשעס, אידישע פאר'סם'טע לייען מאטריאל מיט שיינע פארשידענע זאכן וואס שלעפן אוועק די יונגווארג, און ווי שטארק מיר דארפן אפהיטן די קינדער פון דעם.

אין צענטער פון די דרשה איז ארויסגעברענגט געווארן מיט שפאט און ליצנות און מיט א ביטערן געלעכטער פונעם אריינגעכאפטן יצר הרע וואס שלעפט אוועק גאנצע משפחות זאלן זיך אנבינדן אין אזעלכע גרופעס און קולטורן וואס זענען מ'כלומר'שט 'קאנעקטעד' צום אייבערשטן, מיט אלע מיני באמפער סטיקערס, מיטן קומזיץ און גיטאר, ה"י, און עס צוגעשטעלט צו א מאמע וואס בעט פונעם קינד זאל ארויסטראגן די גארבידזש און דאס קינד הייבט אן צו זאגן מאמע איך האב דיר ליב אא"וו, אבי נישט ארויסצוטראגן די מיסט.

דער ענין פון זיך דרייען שפעט אויף די נאכט אויפן גאס איז אויך ברייט ארומגערעדט געווארן, ווי ווייט ס'איז נישט גוט און טוט שעדיגן אויף א שטארקן פארנעם, די אינערליכע נאטורליכע צניעות געפילן וואס השי"ת האט געשאנקען פאר יעדע אידישע טאכטער, און אז ביינאכט בכלל דארף מען אכטונג געבן צו וועם די קינדער רעדן און אפילו נאר טעלעפאן געשפרעכן, ווייל דער יצה"ר פון נאך 11:00 ביינאכט איז אן אנדערע יצה"ר פון בייטאג, ותוצאותיו מי ישורנה.

דער בעל דרשן האט אין קורצע מינוטן אראפגעלייגט א מעשה נעבעך פון א בחור'ל ע"ה וואס האט נישט דערהויבן די טעכנאלאגישע נסיונות נאך וואס ער האט כסדר געזען ווי זיינע אייגענע פעטער'ס וואס זענען אין זיינע אויגן א מוסטער, זיי פארמאגן דאס אין די עפנטליכקייט און ער וויל אויך נעבעך, און די סוף איז זייער אומ'באטעמ'ט.

און צום שלוס האט ער ארויסגעברענגט, אז אפי' אויב איינער האלט נאכנישט דערביי אינגאנצן, זאל מען כאטש מחשיב זיין ווער עס נעמט יא א טריט פאראויס, צו טוישן זיין וועג און שטייגן, מען קען אפלאכן פון א דרשה, מען קען אפלאכן פון תקנות אין איין רגע, קאליע מאכן דויערט נישט לאנג, אבער צו בויען דויערט זייער לאנג. מען זאל שעצן תלמידי חכמים, מען זאל פארשטיין ווען די דיינים מאכן גדרים איז עס פאר די אייגענע טובה.

ב"ה, מען איז אוועקגעגאנגען פונעם דרשה, מיט א גאר געהויבענע שטימונג, מען האלט אין איין צוריקהערן גוטע אפקלאנגען פון איבעראל, פון אלע סארטן, יעדער ראש משפחה אין קריתינו הק' איז פיל מיט הכרת הטוב פאר די געטרייע איבערגעגעבענע הנהלת המוסדות און פאר די חשובע מנהלים שליט"א העומדים בראשה פארן געבן די געלעגנהייט צו הערן אזאלכע פאסיגע דיבורים קילורין לעיניים אין אזא פאסיגע צייט אין יאר, ולעומת זה זענען די הנהלת המוסד פיל מיט הכרת הטוב און שעצונג צו די חשובע עלטערן פארן זיך אנשטרענגען און זיך צושטעלן מיט אזא אחדות הלבבות ווי עס האט זיך שטארק אנערקענט דעם גרויסן ציבור וריבוי העם בלעה"ר ביי די טאטעס און די מאמעס וואס האבן מיטגעהאלטן דעם געוואלדיגן דרשה.

די דרשה איז צושטאנד געקומען נאך וואס אין די וואכן בעפאר די יומא דהילולא קדישא פון כ"ק רביה"ק זי"ע איז געווען אן אסיפת מנהלי המוסדות פון אלע מוסדות אין קרית טאהש, ווי עס איז אויסגעשמועסט געווארן אז לטובת עתיד החינוך און לטובת א נענטערע צוזאמען ארבעט פון די מוסדות מיט די חשובע עלטערן דארף מען צוזאמנעמען אלע חשובע הורי המוסדות לשמוע דבר השם, וואס מיר קענען טון צו ארויפברענגען און מחזק זיין און בעסער מאכן אונזער עתיד און אונזער קיום. די חשובע מנהלים האבן אויפגעברענגט דאס אז מ'זאל רופן א גאסט רעדנער זאל מעורר זיין בדברים הצריכים חיזוק כולנו כאחד יחד.

נאך די אסיפה איז מען אריבער בקו"פ צו כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א - נשיא המוסדות, ווי די מנהלים האבן פארגעלייגט פארן רבי'ן שליט"א דעם פלאן און אז מען וויל הערן חוות דעת קדשו, רבינו שליט"א האט אויסגעהערט און האט אויסגעדרוקט גרויס צופרידנהייט דערפון, און האט צוגעלייגט אז מ'זאל מודיע די חשוב'ע עלטערן אז די דרשה איז זיין רצון און איז בהתייעצות ובהדרכת כ"ק מרן רבינו שליט"א, און כאטש ער וועט זיך נישט קענען אליינס באטייליגן ביי די אסיפה, איז עס אבער זיין רצון און בעט אז מען זאל צושטיין און אויספירן אלעס וואס מען האט גערעדט ביי די דרשה.

השי"ת זאל העלפן ס'זאל טאקע בלייבן ביים ציבור, מען זאל זיך מחזק זיין, צו אנהאלטן די הייליגע שטעטל אזוי ווי אונזער הייליגער רבי זי"ע האט עס אוועקגעשטעלט, און אזוי ווי רבינו שליט"א פירט עס ווייטער על פי דרכו, ביז משיח'ס טאג בקרוב.

ישיבה קטנה תפארת משולם פייש - ניו יארק:

# געוואלדיגע קול תורה הילעכט אפ בהיכל הישיבה ווען די בחורים ענדיגן זיך פארהערן גאנץ מסכת שבת

שטייענדיג ביים שוועל פון סוף זמן הקיץ העעל"ט, ווען בחורי ישיבתינו הקדושה האבן זוכה געווען צו לערנען, מסיים צו זיין און זיך גרינטלעך פארהערן גאנץ מסכת שבת, איז א נחת

צו הערן די געוואלדיגע קול תורה וואס הילעכט אפ בהיכל הישיבה, בשעת די בחורים ענדיגן צו איבער חזר'ן, און פארהערן זיך גאנצע פרקים, מיטן ציל צו פארענדיגן זיך פארהערן גאנץ מסכת שבת בטוב טעם ודעת.

אזוי ווי עס איז ספעציעל אויסגעשטעלט געווארן אז נאכן ענדיגן חזר'ן די חזרה, פארהערן זיך די בחורים יעדע פרק באזונדער ביי איינע פון די בוחני הישיבה, איז אוועקגעשטעלט געווארן צוויי דרגות אינעם פארהער, שקלא וטריא אדער שאלות ותשובות, כל אחד לפום דרגא דיליה.

ביים סיום הזמן דעם קומענדיגן מיטוואך פר' נצבים, ד' סליחות הבעל"ט וועט בע"ה פארקומען דער ערווארטעטער טאג, מעמד חגיגת סיום מסכת שבת, און די סיום פאר די מקצועות שולחן ערוך או"ח וועלכע זענען געלערנט און פארהערט געווארן בהיכל ישיבתינו הקדושה, שיעור ג' - הל' שהיה והטמנה, שיעור ב' הל' מוקצה, שיעור א' - הל' תפלה.

*

# ספעציעלע פארגרעסערטע בחינה בכתב אויף חומש ורש"י פארגעקומען

ביים אריינגיין אין די פארגאנגענע וואכן פר' דברים - ואתחנן - עקב האט דער חשובער מנהל שליט"א, מעורר געווען אז ס'איז באקאנט פון צדיקים, אויפן מאמר חכז"ל הסתכל בשלש"ה דברי"ם ואי אתה בא לידי וכו', אז אין די דריי פרשיות דברים - ואתחנן - עקב שטייט די עיקרי יסודות פון אמונה, שכר ועונש, עשרת הדברות, קריאת שמע, פרשת היראה ועוד, וואס איז גאר וויכטיג פאר יעדן צו לערנען, קענען און כסדר חזר'ן.

כאטשיג ס'איז שטארק איינגעפירט בישיבתינו הק' חק ולא יעבור דאס לערנען גרינטלעך מדי שבוע בשבוע חומש ורש"י על הסדרה. און יעדע וואך זונטאג איז דא א ספעציעלע זמן אין די פארמיטאג שעות צו לערנען חומש ורש"י על פרשת השבוע.

אזוי אויך ווערט יעדע וואך פארהערט חומש ורש"י דורך א בחינה בכתב, וועלכע ווערט געצייכענט און צוריקגעגעבן פאר יעדן בחור.

און דער לימוד חומש ורש"י ווערט שטארק באגלייט מיט כסדר'דיגע דברי חיזוק פונעם מנהל, משגיח און רמ"י הישיבה שליט"א, איז ספעציעל פראקלאמירט געווארן אז נאך די דריי וואכן וועט פארקומען א ספעציעלע פארגרעסערטע בחינה בכתב אויף די דריי יסודות'דיגע פרשיות.

א ספעציעלע שיינע מתנה איז געטיילט געווארן פאר די חשובע בחורים לאות מזכרת.




בס"ד

**בית המדרש תפארת משולם פייש ד'טאהש לאנדאן**

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

1 Fairholt Road, London, N16 5EN

ערש"ק כי תבא תשפ"ה

## מודעה נחוצה

הננו להודיע לכל באי שער בית השם

שבית מדרשינו יהיה סגור

מיום א' נצבים אחר תפלת שחרית עד

ערש"ק נצבים

עקב בני' להרחיב גבולי הקדושה

לקראת הימים נוראים הבעל"ט

וחפץ ה' בידינו יצליח

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

כי תבוא - תשפ"ה לפ"ק

## זונטאג פר' תצא

ביינאכט האט זיך דער רבי משתתף געווען ביי א מסיבה לטובת הישיבה גדולה, מיוחד פאר יוצאי ישיבתינו הק', בבית המנהל הרה"ג ר' שמעון יחיאל ראטה שליט"א.

צום ערשט האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' אלימלך סג"ל לאווען שליט"א ר"מ בישיבה מיט פאסיגע ווערטער, דערנאך האט רבינו שליט"א משמיע געווען ברכות קודש.

דערנאך האט אויפגעטרעטן הרה"ח ר' משה יצחק הערשקאוויטש הי"ו מנכ"ל המוסדות, און אלע באטייליגטע האבן זיך אונטערגענומען שיינע סכומים לטובת ישיבתינו הק'.

דערנאך האט דער רבי פארטיילט די הערליכע זמירות מועדי קדשין.

## מאנטאג פר' תצא

אינדערפרי איז דער רבי אנגעקומען אין די שפיטעלער אין שטאט מאנטריאל, וואו דער רבי האט באזוכט ביי חולי ישראל, צווישן אנדערע ביי הרה"ח ר' אליעזר אשר אנשיל עהרענפעלד הי"ו און שואל געווען בשלומו און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

ביינאכט האט דער רבי מנחם אבל געווען ביי הרה"צ רבי יואל זוסמאן ראזענבוים שליט"א בן כ"ק אדמו"ר מ'קרעטשניף סיגוט זצ"ל, וואו עס איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס, דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

אזוי אויך האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכן טעל. די אנדערע קינדער פון האדמו"ר מ'קרעטשניף סיגוט זצ"ל.

## מיטוואך פר' תצא

פארנאכטס איז דער רבי ערשינען צום קבלת פנים ביי די חתונה פון החתן ישראל מנשה לאנדאוי נ"י תלמיד ישיבתינו הק', בן מוה"ר נפתלי צבי חיים הי"ו, עב"ג הכלה בת מוה"ר יצחק אהרן ברייער הי"ו אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים, אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, געגאנגען באדעקן די כלה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, דער רבי האט אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

שפעטער איז דער רבי צוריק אין זאל, און געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן און מחותנים און זיידע'ס.

## עש"ק פר' תצא

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר אברהם יושע העשיל פאללמאן הי"ו פון מאנטריאל, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

## שבת קודש פר' תצא

בערך 15 מינוט פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע און די ליכט ביים עמוד, געצינדן די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

פארן דאווענען האט דער רבי אנגעטון די שטריימל פאר החתן דוב ב"ר ישעי' יעקב בינער נ"ו, און פאר החתן שלום ב"ר זיידא מאירוביץ נ"ו תלמיד ישיבתינו הק', און געבענטשט די חתנים און געוואונטשן מזל טוב פאר די מחותנים ובני משפחה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

א שטיק צייט נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש מכובד געווארן הרה"צ רבי ישכר דוב משה סג"ל טירנויער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע.

במשכ'ן סעודה האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש ספעציעל פאר תלמידי הישיבה, אזוי אויך האבן די בחורים געהאט די געלעגנהייט צו זאגן דברי תורה פארן רבי'ן.

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול פאר כל הקהל

הקודש זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: הגה"צ אב"ד תולדות אברהם יצחק שליט"א פון ביתר, הרה"ג ר' אלתר יעקב יצחק וואגשאהל שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ח ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש הי"ו, הרה"ח ר' ישראל בנימין סג"ל לאוועין הי"ו, הרה"ח ר' משה אברהם ראזנאי הי"ו פון בית שמש, מוה"ר יוסף אלי' זילבער הי"ו פון בני ברק.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' עקיבא יוסף כהנא שליט"א פון וומסב"ג, שיר המעלות הב' ישעי' ארי' לייב הערשקאוויטש נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן בענטשן האט דער רבי געטאנצן מיט החתן שלום מאירוביץ נ"ו תלמיד ישיבתינו הק' וועלכע האט חתונה אין ניו יארק, דערנאך אנגעוואונטשן ברכות קדשו.

דערנאך איז פארגעקומען די שלום זכור פון בן הנולד צו מוה"ר אלעזר קליין הי"ו, דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך געגעבן שיריים פארן בעל שמחה און אנגעוואונטשן ברכות קדשו.

שבת נותנים הרה"ח ר' נחמי' אלתר ראזענצווייג הי"ו.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו, שחרית האט געדאווענט מוה"ר זיידא ישראל יצחק מאירוביץ הי"ו.

די עליות האבן עולה געווען: כהן אב"ד תולדות אברהם יצחק שליט"א פון ביתר, לוי הרה"ח ר' יחזקאל סג"ל וואנחאצקער הי"ו, שלישי הרב ישכר בער הארוויץ שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, רביעי מוה"ר חיים משה לוי בינער הי"ו, חמישי הרה"ח ר' נחום שווארץ הי"ו פון קרית יואל, ששי הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא הי"ו משב"ק, שביעי מוה"ר זיידא ישראל יצחק מאירוביץ הי"ו, הוספות: מוה"ר ישכר בער לייפער הי"ו, מו"ה בנימין גוטמאן הי"ו, און דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, החתן דוב בינער נ"ו, און עס איז פארגעקומען די באווארפן, החתן שלום מאירוביץ נ"ו, און עס איז פארגעקומען די באווארפן. אחרון החתן ר' ישראל מנשה לאנדא הי"ו.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הב' הבר מצוה בן מוה"ר לייב פריעדמאן הי"ו. הגבה מוה"ר משה פנחס מאירוביץ הי"ו פון וומסב"ג, גלילה מוה"ר אברהם משה שניטצער הי"ו פון קרית יואל.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא הי"ו משב"ק. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' אהרן הערש בינער הי"ו פון מאנסי.

◆

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מו"ה ישראל נח ברייער הי"ו פון בית שמש.

אז ביום השביעי הרה"ח ר' חיים יחזקאל גאדינגער הי"ו פון ירושלים, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען אב"ד תולדות אברהם יצחק שליט"א, שיר המעלות הב' דוד ברנש"ז הערשקאוויטש נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת נאכמיטאג האט הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ בקריתינו הק' פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול.

צו מנחה איז צוגעגאנגען מוה"ר מרדכי הערשקאוויטש הי"ו משגיח בישיבה גדולה. די עליות האבן עולה געווען ראשון הרה"ג ר' ישכר דוב מאירוביץ שליט"א, שני הרה"ח ר' יעקב זוסמאן הי"ו משב"ק, שלישי הרה"ח ר' משה מאירוביץ הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה מוה"ר חנוך דוד שלום וויינגארטן הי"ו.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר שמואל פישער הי"ו. דער רבי האט מכבד געווען גיסו כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א צו זאגן דברי תורה.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ג ר' איסר נפתלי מערמעלשטיין שליט"א, הר"ר יעקב ישראל ברוך גוטמאן הי"ו, הרה"ח ר' אהרן הערש בינער הי"ו פון מאנסי.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, שיר המעלות הב' יעקב חיים אמסעל נ"ו תלמיד ישיבה גדולה. מיט די שבע ברכות פון החתן ר' ישראל מנשה לאנדאוי הי"ו זענען מכובד געווען אב"ד תולדות אברהם יצחק שליט"א, הרה"ג ר' עקיבא יוסף כהנא שליט"א פון וומסב"ג, דער זיידע הרה"ח ר' מרדכי מאיר לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, ברכה אחריתא רבינו שליט"א.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען מוה"ר משה אשר ראזענבערג הי"ו, נאך מעריב איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוטע וואך א גוט יאר.

דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס מוה"ר אלימלך ברי"י סג"ל קרויס הי"ו פון קרית יואל, די הבדלה האט געהאלטן החתן שלום מאירוביץ נ"ו.

דערנאך האט דער רבי פארציילט שיחות קודש פונעם הייליגן רבי מאיר'ל מ'פרעמישלאן און פונעם הייליגן נאסוד'ער רב זכותם יגן עלינו.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.







## מזון הנפש

# סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת נצבים =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק כי תבא | סב. | נח: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | סב: | נט. | קח: | קה. |
| מאנטאג | סג. | נט: | קט. | קה: |
| דינסטאג | סג: | ס. | קט: | קו. |
| מיטוואך | סד. | ס: | קי. | קו: |
| דאנערשטאג | סד: | סא. | קי: | קז. |
| עש"ק | סה. | סא: | חזרה | חזרה |

### בחינה הבאה ביום א' פרשת האזינו

מס' עבו"ז: נה:-סה: | מס' בבא בתרא: קב:-קז:

## קול איחוד טאהש

קולן בקודש מרביה"ק ז"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאודעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

| 718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |
|---|---|---|---|

קלאר'ע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת עבודה זרה (ז' עמודים)
בחבורות "מזון הנפש"
41 פון די מען מענו

יר"ע

## איחוד תלמידי חסידי טאהש

להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע
נא לקרוא להמערכת

איחוד
תלמידי חסידי
טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג